STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05316

# SEYFER TEYVES NOAH

Noah Kaplan

*Permanent preservation of this book was made possible
by Bennett D. Shulman
in honor of
Ziona Bisno*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Morris Jacobs,
1243 S. W. 6th St.
Miami 35, Florid

ספר

# תבת נח

על חמשה חומשי תורה

ענטהאלט פיעלע וויכטיגע און אינטערעסאנטע

## דרשות

פיר אלע געלעגענהייטען

ווי חתונות, בר מצות און ר"ל הספדים

## חלק שני

# ספר שמות

„הפך בה והפך בה"

דא געפינען זיך מאמרים אויף א סך ענינים פון תנ"ך און חז"ל
צו יעדער געלעגענהייט.

מאתי הצעיר **נח קאפלאן**

בן לאדוני אבי ר' שלמה צבי הכהן זצ"ל

נסדר ונדפס בדפוס הרבני ר' יעקב פאסטאר

# The Ark of Noah

A collection of Sermons on the
FIVE BOOKS OF MOSES
Contains
Orations for Weddings, Bar-Mitzvahs,
Eulogies, etc.
Part II
EXODUS

Copyright 1941
RABBI N. KAPLAN
2131 Vyse Avenue, Bronx, N. Y.

Published by
POSTAR PRINTING CORP.
14 Cook St., Brooklyn, N. Y.

DEDICATION

This book is dedicated by the author to the memory of a noble soul, who was suddenly taken away from those she so dearly loved — the dear and beloved

MRS. ETTA FRUMA NERENSTONE
who died 19 days is Shevat
And Husband
ABRAHAM MORDECHAI NERENSTONE
who died 29 days in Ab.

Mother and father of the prominent
**Dr. S. H. Nerenstone**
and his brother Morris, and sisters Ann, Rose and Gussie.

Knowing Mrs. Nerenstone as I did is to say that she was a noble soul possessed of sympathy, devotion and love for her relations and friends, and spurred on by a highly developed sense of religion would not be exaggerating the character and personality of the late departed, for whom this is intended as a living monument.

With deep respect, RABBI NOAH KAPLAN



Once there appeared in the Wolozhin Yeshivah a matchmaker of wide renown. Whereupon he asked the students there: in which book do you wish to inscribe your name? The beautiful girls, he told them, give but two hundred rubles; the homely ones, on the other hand, give a thousand rubles.

At this juncture, a wise student replied: "It is better to select the beautiful girls, since marrying the homely ones will, in the end, prove costly: to every daughter born of the union, will have to be paid a thousand rubles — in cold cash."

In the ancient times parents used to choose his or her partner in life, as Rebecca chose for her son, Jacob.

In modern times, the middle path is the proper one, the parents should leave to the children to choose according to their own tendencies.

Marriage is a sacred bond. Our sages have compared the wedding to the day of giving the Torah, as it is written "and I will betroth thee unto me forever."

This couple standing before me is most certainly faithful and true loving. May the blessings of God through the high priest rest upon you.

God bless you and keep you.

---

(This is one of the many letters I received.)

RABBI HARRY HALPERN
905 EAST 15th STREET
Brooklyn, N. Y.

בע"ה

י"א טבת, תש"א

December 11, 1940

Dear Rabbi Kaplan:

I am enclosing a check for the book which you left in my office. I have enjoyed reading it.

Sincerely yours,

**Harry Halpern**

## A WEDDING ORATION

Translated from the "Arc of Noah". Part One

Jacob served for Rachel seven years. Time passed so quickly, it seemed to him as if it were only yesterday. We might well pose the question: why did Jacob volunteer serving seven years, so that he might take Rachel unto himself for a bride? Jacob was, indeed, blessed with many virtues: fine family, strong physique, to mention a few. Lavan would probably not have demanded that Jacob labor for seven long years; would have been happy to see Jacob take his daughter without dowry. The explanation is, however, quite simple: when Jacob came, he was impoverished, Eliphaz having stripped him of all his belongings. Lavan, shrewd as he was, could not comprehend what had happened here. Jacob did not desire to tell Lavan that he had fled from his brother, Esau, and that Esau wanted to slay Jacob for having taken Esau's blessings and birthright away. That would certainly not have served as a favorable introduction for Jacob. And so he told Lavan that his mother, Rebecca, had sent him to take unto himself as a wife one of his family, and that the mother doesn't want the Canaanite girls because they are evil. Lavan, shrewd as he was, heard that Jacob was compelled to come to him for his daughter. Like a cunning merchant, who finds that his customer, lacking recourse, must eventually buy the goods he has to sell, and therefore boosts the price, Lavan said to Jacob: "Hear ye, thou art not my brother. I shall compensate you for your labor, and my daughter will take unto herself another groom — a wealthy and prosperous one. That is why Jacob volunteered to serve Lavan for seven years. And because Jacob made this offer at his mother's request, these seven years seemed to him to pass by ever so swiftly. Beautiful Rachel had been worth it.

# מכתבי תהלה והסכמות הרבנים הג׳ המפורסמים

**הרב ר״ז גאלובווסקי כותב:**

ידעתי מכבר את הרב ר׳ נח קאפלאן. ספרו על חמשה חומשי תורה ראיתי, דבריו יוצאים מקירות לבו ונכנסים ללב שומעיו, דבריו טובים ומועילים . . .

**הרב ר׳ נחום כהנא שפירא כותב:**

הנני מכיר את הרב ר׳ נח קאפלאן עוד מימי ילדותו אשר עוד מאז הנהו מחזק ומלהיב לבות שומעיו לתורה ולעבודה ולכל דבר טוב ומועיל בספר **תבת נח** הנהו נותן מעט מאלפי דרשותיו. ובהם מאמרים מחוכמים רעיונות ושיחות נאות, מתאימים לדרשנים, מטיפים וגם לבע״ב ת״ח.

מצוה רבה וגדולה לתמכו ולקנות ספריו במחיר ראוי ויתברכו בכל טוב סלה.

**הרב ר׳ שאול י׳ ביק כותב:**

ראיתי את הספר **תבת נח** מהרב המופלג ר׳ נח הכהן קאפלאן —דברים נחמדים. גם שמעתי איזהו דרשות מהרב הנ״ל עתירתי להחזיק בידי הרב שיוכל להוציא ספרו שהוא מדפים כעת.

**הרב ר׳ אברהם יעקב בריל כותב:**

כאשר עלעלתי כתב ידו של ידידי הרב המצוין ר׳ נח קאפלאן מצאתי בו דברים טובים נכוחים וערבים לאזן שומעת.

אבקש כל מחזיקי תורה לתמוך בידו שיוכל להוציא מחשבתו לפועל להדפיסו ולהפיצו בישראל.

**הרב ר׳ ח׳ אייזיק רייטער כותב:**

ידידי מכבר ומקדם הרב המובהק ר׳ נח ב״ר שלמה צבי הכהן קאפלאן, בידו עלים לתרופה דברים טובים ועריבים על חמשה חומשי תורה. מצוה גדולה על כ״א מאחב״י לקנות את ספרו.

---

וכן יש לי הסכמות מהגאונים ר׳ יהודא ארי׳ פערלאף, האדמו״ר מנאוואמינסק, מהרב ר׳ ארי׳ ליב רלב״ג, מהרב ר׳ שמואל בנימין באס[illegible]ין, מהרב ר׳ שמואל אליהו עלקין, מהרב ר׳ משה קלונימוס סקינדער מהרב ר׳ אברהם משה גארעליק, מהרב ר׳ יעקב דוב גארדאן, מהרב ר׳ חיים הירש קאניקאוו, מהרב ר׳ ליבער מארוויט, מהרב ר׳ צבי קעניגסבערג, הרב אלכסנדר לעווין, ועוד.

# אַ קורצע הקדמה פון טיפען הארצען

ויפגעו את משה ואת אהרן נצבים לקראתם. רש"י: כל נצים ונצבים דתן ואבירם היו, שנא': בהם נצבים.

רבותי! ביי דעם גלות האָבען מיר אויך צווישען אונזערע פיהרער אזעלכע דתן ואבירם'ס.

עס מאַכט מיך צום שמייכלען ווען איך דערמאָן זיך אַן פאַל־גענדען עפּיזאָד: איין אָרימער, פּראָסטער בעל עגלה האָט באַגליקט און איז געוואָרען זעהר רייך. און אַז מען האָט די מאה, האָט מען דאָך די דעה. איז ער געוואָרען אַ פיהרער ביי אידען. האָט ער גע־נומען אַ רבי'ן ער זאָל איהם לערנען ווי צו זיין אַ בעל הבית. לערענט איהם דער רבי: אַ בעל הבית, מיין קינד, דאַרף האָבען אַ סך זאַכען! אַ האַק דאַרף אַ בעל הבית האָבען, אַ האַק די ערשטע זאַך!

שבת האָט זיך דער בעל עגלה אָנגעטהאָן אין אַ זיידענע זשופּיצע מיט אַ גאַרטעל, אריינגעשטעקט אַ האַק אין גאַרטעל, און איז געקומען אין מזרח וואַנט פון שוהל.

נו! אָט אַזעלכע פיהרער מיט העק האָבען מיר יעצט אַ סך!

רבותי! מיר דאַרפען אָבער אין זינען האָבען אַז דער וואָס קען ניט פאַרטראָגען אַ שטאָך פון אַ דאָרן, אַ בים פון אַ בין, קען קיין האָניג ניט נאַשען און אויך קיין בלומען ניט שמעקען ...

איך מיין צו זאָגען אַז די יעצטיגע מלחמה איז פון אַלע שטאַנד־פּונקטען אַ מלחמה פאַר דעם צוועק פון דעם מענשען'ס באַפרייאונג. איך קריטיקיר דאָ אין מיין בוך געוויסע מענשען. דאָס איז נאָך מיין באַטראַכט פון דער פרעסע וואָס איך לייען, אָבער זיכער בין איך ניט ווער עס איז דער שולדיגער.

איך בין אָבער זיכער אַז אנדערש קען אויף דער וועלט ניט זיין קיין ריכטיגער שלום, ביז עס וועט מקוים ווערען די נבואה פון ישעיה הנביא, „ויאמר עד מתי ד'?"

ויאמר עד אשר אם שאו ערים מאין יושב ובתים מאין אדם והאדמה תשאה שממה! די צייט איז נאָהענט.

# תוכן הענינים

שמות הדרשות כל אחת לעתה

oOo

**A Wedding Oration**

הקדמה.


דרשה א—אהבת התורה והחכמה ______ 9
דרשה ב—דער כח פון א ווארט ______ 13
דרשה ג—לחנוכה, לברית, ולהולדת בת ______ 16
דרשה ד—להקמת מצבה ______ 20
דרשה ה—די אורזאכע פון גלות: אין שלום לרשעים __ 23
דרשה ו—איין עם עולם: טרייסט ווערטער ______ 26
דרשה ז—לחנוך, די ערציהער וואס ציהען צו זיך ______ 30
דרשה ח—ליום הדין, ליזכור וגם להספד ______ 31
דרשה ט—לפסח. אפיעל לצדקה ______ 36
דרשה י—א דרשה וואס מען קען זאגען אלעמאהל ______ 39
דרשה יא—א דרשה אויף אלע שמחות ______ 41
דרשה יב—להפטרה: שכל איז איין אידעלע זאך ____ 44


## פרורים


א—די ווירקונג פון א מחשבה ______ 47
ב—וואס ערגער, איז אלעם בעסער ______ 48
ג—אידעלאך שווייגען ______ 48
ד—דורך א פליג איז נעשפייזט געווארען א וועלט ______ 48
ה—א שלאס אויפ'ן מויל ______ 49
ו—עס שטעכט זיי די אויגען ______ 50
ז—איין עניו, סען זעהען ______ 50
ח—כי ידעתי את מכאביו, איך וויים די אורזאכע פון
זיין קראנקהייט ______ 50

(עד כאן לסדרה שמות)

וארא—דרשה א—ליום הדין ______ 52
בא—דרשה א—ער עסט אויף זיין אייגען הארץ ______ 54
בשלח—דרשה א—ער באריהמט זיך מיט זיין פאטער ___ 56
יתרו—דרשה א—פאר תקיעות ______ 57
משפטים—דרשה א—געזעץ דארף ניט מינען נעה־זעץ __ 59
תרומה—דרשה א—לחכמת התורה ולבר מצוה ______ 62
תצוה—דרשה א—אינסטאליישאן פון א רב ______ 64
תשא—דרשה א—אן אפיעל פאר צדקה ______ 66
ויקהל—דרשה א—צדקה לעגט מען אפ אויף מארגען ______ 69
פקודי—דרשה א—להחזקת תורה ______ 70
פקודי—דרשה ב—זיי גליכען א האלבע דרשה ______ 72
דרשה לשבת הגדול קום בתולת ישראל

# שמות

## במקום הקדמה

●

### דרשה א: אהבת תורה וחכמה

אנה"ב גימ"ט נח — אנה"ב ר"ת אנכי נתן היום ברכה

רבותי! איך גיב אייך איין ברכה. דאָס איז דער ספר תבת נח ח' ב' על ספר שמות. די תורה זאָגט ראה אנכי נתן לפניכם היום, את הברכה אשר תשמעו. די תורה פאַנגט אָן מיט אַ לשון יחיד, ראה, זעה, און ענדיגט מיט אַ לשון רבים, לפניכם, פאַר אייך. דערמיט וויל אונז די תורה לערנען אז ווען אַלע אידען הערען זיך צו צו דער תורה ווערען זיי זעהענדיג, און ווערען אַלע ווי איין מענש אין דער מדרגה פון ויחן ישראל. די תורה איז מקדים דעם זעהען פאַר'ן הערען, ווייל מען דאַרף פריהער זעהען און קוקען און לערנען אין ספרים, דאַן קאָן מען הערען:

דבש וחלב תחת לשונך שה"ש.

דער גוטער רעדנער, ווען ער רעדט, איז עס זיס ווי האָניג און קרעפטיג ווי מילך. וואָרום גראָדע פאַרגלייכט עס שהע"ה מיט דיביידע זאַכען, האָניג און מילך. ווייל די ביהנען פליהען אַרום און ציהען אויס די זאַפט פון די בלומען, און נאָכדעם קענען זיי געבען האָניג. אָבער מילך איז ניט פון געקליבענע בלומען, דאָך איז עס זעהר נאַרהאַפט. אַזוי דאַרף דער גוטער רעדנער קלייבען פון די חכמים זייערע בלומען-ווערטער, און אויך זאָגען גוטע און קרעפטיגע אייגענע ווערטער, עס זאָל זיין האָניג און מילך.

הנחמדים מזהב ומפז רב ומתוקים מדבש (תה' י"ט). די רייד פון דער תורה איז בעסער פון גאָלד און זיסער ווי האָניג.

אַ שמייכעל ציגט זיך אויף מיין פנים ווען איך דערמאַן זיך אין פאָלגענדען עפּיזאָד. אַ ישיבה בחור'ל איז געפאָהרען לערנען אין וואָלאָזשינער ישיבה. אויפ'ן וועג האָט זיך דער אָרימער בחור'ל פאַרהאַלטען אין אַ פּלאַץ וואו עס קומען זיך צוזאַמען רייכע מענשען, צו עסען און טרינקען. וויפיעל קאָסט ביי אייך אַ מאָהלצייט? האָט דער ישיבה בחור געפרעגט דעם פאַרוואַלטער. פינף דאָלער, האָט דער פאַרוואַלטער געענטפערט. איך האָב נישט קיין געלט, האָט דער אָרימער בחור'ל געזאָגט, אָבער איך וועל אייך געבען פאַר'ן מאָהלצייט עטוואָס מעהר און בעסערס ווי געלט. איך וועל אייך זאָגען אַ שטיקעל תורה, וועלכעם איז הנחמדים מזהב. דער פאַרוואַלטער האָט זיך אַזוי שטאַרק צולאַכט אַז אַלע געסט האָבען זיך צוגערוקט נעהענטער הערען וואָס דאָ האָט פּאַסירט. און ווען זיי האָבען ערפאַהרען וואָס פאַר אַ געלט דער ישיבה בחור האָט צו באַצאָהלען פאַר די פאַרגעניגענס פון יענעם פּלאַץ, האָבען זיי אַלע זעהר פיעל געלאַכט. ווען דער ישיבה בחור איז געקומען אין וואָלאָזשינער ישיבה, האָט ער עס דערצעהלט דעם ראש ישיבה. ער האָט געפאָדערט, דער ר"י זאָל איהם געבען צו פאַרשטעהן דעם פּשט פון די ווערטער הנחמדים מזהב.

סטייטש, רבי! קיינער וויל דאָך עס ניט אָננעמען פאַר אַ שטיקעל ברויט אפילו.

האָט דער רבי אַרויסגענומען פון אַ קאַסטען אַ שנור פּערל, געגעבען עס צום תלמיד און געזאָגט: נעם און לייג אַוועק די פּערל פאַר די פערד אין שטאַהל. דער תלמיד האָט אַזוי געטהאָן און די פערד האָבען די פערל ניט אָנגעריהרט. יעצט נעם און לייג זיי אַוועק היי, וועסטו זעהן ווי זיי וועלען זיך צוכאַפּען צו דעם.

רבותי! די וואָס כאַפּען זיך צו דער תורה זיינען מבינים אויף פּערל, און אויף אַלע ווערטהפולע זאַכען.

איהר ווייסט דאָך אַז אין דער **תבת נח** זיינען געוועזען

אַלע מינים, און **נח** האָט געדאַרפט אַלעמען צופרידענשטעלען.

אויף דעם פּסוק ויחכם מכל האדם, זאָגט דער מד׳ (מד׳ הנעלם) אפילו מן השוטים, דער מדרש ווערט פאַרשטאַנען אויף צוויי וועגען, איינמאָהל אַז אפילו פון שוטים קען מען זיך אויך אָפּלערנען אַמאָהל עטוואָס גוטעס. נאָר מען דאַרף זיין אַ חכם צו וויסען ווי און וואָס צו לערנען. און דער צווייטער פּשט איז: עס טרעפט דאָך זעהר אָפט אַז דער הויך-געלערנטער זאָל ניט קענען לערנען מיט פּשוט׳ע און ווייניג געבילדעטע מענשען, אָבער שהע״ה איז געווען קליגער פון אַלע מענשען. ער האָט פאַרשטאַנען אפילו דעם וועג ווי צו לערנען מיט שוטים.

אַלס ישיבה בחור האָב איך געזעהן ווי איינער פון די עלוים האָט שמחת תורה געטאַנצט מיט די בעלי עגלות פון שטעדטעל. האָב איך איהם געפרעגט: וויפיעל סדרים גמ׳ האָט דער בעל עגלה מסיים געווען וואָס ער איז אַזוי פרעהליך? האָט מיר דער עלוי געענטפערט, אַז די תורה איז מעהר ווערטהפול פון דיימאָנדס, און דער וואָס האָט אפילו נאָר אַ קליין דיימאָנדעל איז ער שוין אויך צופרידען מיט דעם. געוועהנליך וואָלט מען געהאַלטען דעם פאַר אַ משוגענעם וואָס וואָלט געטאַנצט ווען ער פאַרמאָגט איין ווייצענע קערענדעל. אָבער אַ דיימאָנד איז שוין פון גרויס ווערטה. מעג דער בעל עגלה טאַנצען ווען ער האָט בלויז איין פּרק משניות געלערענט.

ווען איך האָב פאַרקויפט מיין ערשטען טהייל **תבת נח**, האָבען די גרויסע רבנים און דרשנים מופלגים געקויפט דעם ספר מיט שמחה, מיט׳ן געדאַנק אַז מכל מלמדי השכלתי. אָבער גראַדע, די רבבה כצמח השדה, די קליינטשיגע רעווערענדלאַך, (די שומשמין — יאַק מאַק) האָבען געזאָגט אַז זיי זאָגען אייגענע דרשות.

דאָס דערמאָנט מיך אָן פאָלגענדען עפּיזאָד. צו אַ באַריהמ־טען מאַהלער איז איינמאָהל געקומען אַ יונגער אַרטיסט און איהם געוויזען עטליכע בילדער. איהר זעהט, מייסטער, האָט

דער יונגער מאהלער זיך געריהמט, אט דאס אלעס האב איך אליין געמאהלען. איך האב קיינמאהל ניט געלערענט די מאה־לעריי קונסט.

עס איז זייער פיין פון אייך, יונגערמאן, האט דער מייסטער געענטפערט, וואס איהר מאכט קיין אנדערען ניט פאראנטווארט־ליך, נאר איהר זייט זיך מודה אז איהר זייט אליין דער שולדיגער.

איך האף אז מיר האבען ניט קיין שולדיגע, נאר גערולדיגע. גערולדיגע — דאס זיינען אידען וואס קויפען א ספר און לייגען איהם אוועק. זיי קוקען קיינמאהל ניט אין איהם, עס אהרט זיי ניט וואס דער מחבר האט דארטען געשריבען, ד"ה סבלנות.

אויפ'ן פסוק ארצה שעיר (אין וישלח) זאגט רש"י לארץ שעיר, כל תיבה שצריכה למ"ד בתחלתה הטיל לה הכתוב ה"א בסופה. אייגענטליך וואס טהוט דא רש"י אויף? ווארום זאגט ניט רש"י אויף דעם וילך חרנה, הטיל לה הכתוב ה"א בסופה? נאר דארטען זאגט ער בלויז יצא ללכת לחרן. עס ווייזט אויס אז אויסער דעם דקדוק הלשון וויל אונז דא רש"י לערנען זעהר א וויכטיגען מאראל.

עס טרעפט צייטענווייז ווען מען דארף ריידען אין אזא פלאץ וואו עס פאסט גארניט צו ריידען, נאר צוליב א צוקונפטיגען צוועק וואס דער חכם קען פאראויסזעהן. אזוי ווי דא, ווען יעקב האט געשיקט זאגען צו עשו'ן. האטש שהע"ה האט געזאגט באזני כסיל אל תדבר, נאר מען דארף לערנען ווי צו שיקען אזוינע רייד, און דער למ"ד דארף זיין אין אנפאנג פון דעם ווארט. למד מיינט מען לערנען וואס צו ריידען. אט דאס זאגט רש"י, כל תיבה שצריכה למד בתחלתה. בדיעבד, אז מען האט שוין גערעדט, אז עס איז ניטא דער למד, איז בסופה הטיל לה ה"א.

אט דאס איז דער געדאנק אין דעם ווארט מצרימה, וועל־כער דער לעצטער אות איז א ה"א, און איז א טהייל פון דעם ווארט תהילים. תהילים דארף מען לערנען, ניט בלויז זאגען.

למ"ד איז דער איינציגער בוכשטאב וואס איז העכער פון אלע אותיות אין אלף־בית, ווייל גדול הלמוד.

דער ה"א אויפ'ן סוף פארנעמט דעם ארט פון למ"ד, ווייל ה"א איז דער סימבאל פון עוה"ז. די וועלט איז דאך באשאפען געווארען מיט א ה"א. און צוליב ערדישע מעשים ווערט דער לערנען פארנאכלעסיגט. אט דאס איז געווען דער אונטער־שיעד פון הבל ביז קין. ביי הבל זאגט די תורה, ויהי הבל רעה צאן, ויהי—מיינט א צרה, ער איז ניט צופרידען וואס ער דארף זיין צייט פארלירען ביי די שאף. אבער קין איז צופרידען, וקין היה עבד אדמה. היה—לשון שמחה.

אט דאס האט די תורה מרמז געווען אין דעם ווארט ארצה. צו עשו'ן דארף מען ניט קיין למ"ד, מען דארף א ה"א, עוה"ז. ארצה—אותיות א צרה אז ביי איהם איז די ערדישעס, דער ארצה, דער עיקר. רמז לדברי חז"ל ויהי צרה ויהי 2 יו"דן. די רשעים שיקען די צדיקים אויף יענער וועלט, שנברא ביו"ד.

---

## שמות — דרשה ב
## דער כח פון א ווארט

די ערשטע אותיות פון די ווערטער **ש**מות **ב**ני ישראל **ה**באים **מ**צרימה שטעלט צוזאמען דעם ווארט **השבים**, און די לעצטע אותיות דעם ווארט **תהלים**. רבותי! ווי אזוי קענען מיר זיך אומקעהרען פון גלות? דורכ'ן **תהלים**. השבים—תהלים.

וחמשים עלו בני ישראל ממצרים — טייטשט די גמ' אין מס' שבת ירושלמי: וחמשים—בחמשה כלי זיין. ד. ה. מיט די 5 כלים וואס מען דאווענט, חיך, לשון, גרון, שנים, שפתים. יעקב'ם שווערד און ביקס איז דער דאווענען און בעטען צו גאט. אויפ'ן פסוק: אשר לקחתי מיד האמרי בחרבי ובקשתי, טייטשט דער ת"א בצלותי ובבעותי. רוממות אל בגרונם וחרב פיפיות בידם.

אבער דער זאגען אליין פון די ווערטער אין תהלים, אדער אין דאווענען איז ניט גענוג. מען דארף פארשטעהן די ווערטער און טהאן וואס די ווערטער לערנען אונז.

עס ערוועקט אין מיר א שמייכעל ווען איך דערמאהן זיך אין פאלגענדען עפיזאד. א ישוב'ניק האט געהאט א הגדה של פסח אין וועלכער על פי טעות פון איינבינדער, איז געווען איינגעבונדען א בלעטעל פון אשמנו, בגדנו, וכו'. נאך די מכות רופט זיך אן דעם ישוב'ניקס זוהן: פאפא! עפעס הייניגען יאהר איז דא מעהר מכות ווי פאריגען יאהר. וואס פארשטעהסטו דא ניט, האט דער ישוב'ניק געענטפערט, היינט איז דאך איין עבור יאהר. אזוינע ישוב'ניקעס זיינען דא א סך.

דער ר"ת פון דעם ווארט שמות איז שנים מקרא ואחד תרגום. תרגום מיינט—אפטייטשען און פארשטעהן וואס מען לייענט. עס מיינט אויך שנים מקרא ואחת תדבר. ריידען זאל מען איינמאל א זאך און היטען צו מקיים זיין וואס מען האט צוגעזאגט. ווייל דער ר"ת פון שמות איז מוצא שפתיך תשמר ועשית. יוסף הצדיק האט געזאגט צוויי מאהל זכרתני והזכרתני. איז ער געזעסען דערפאר מיט צוויי יאהר מעהר אין געפענגעניש. במד"ר הה"ד ויהי מקץ שנתים ימים, שנתים צוויי יאהר מעהר.

ודבר שפתים אך למחסור האט אין זיך צוויי פשטים. איינמאהל אז ריידען צופיעל איז א פעהלער (א מחסור). און צווייטענס קען מען אזוי טייטשען דבר שפתים, וואו דארף מען ריידען א סך, דארטען וואו די סחורה איז מיט א פעהלער. (אך) נאר דארטען, דארף מען צוריידען.

דער גלות פון מצרים איז געקומען דורך דעם — ויבא יוסף את דבתם, ברש"י דבה לשון דובב שפתי ישנים.

אין פרקי אבות א', ואל תרבה שיחה עם האשה, באשתו אמרו. אפילו מיט דער אייגענער פרוי דארף מען צופיעל ניט ריידען. בגמ' שבת קנ"א, ר' חנינא האט געזאגט כי היכי דלקדמו לבניך, האט זיין פרוי עם אויסגעטייטשט פאר א קללה, זי האט

געזאגט מילט קא לייטת.

די חז"ל האבען אנגערופען איבעריגע שעדליכע רייד אלעם לישנא תליתאי דקטלת תלתא. זיי האבען אויך געזאגט שתוקי בתרי, אל יספר אדם בטובתו של חבירו שמתוך שבחו בא לידי רעתו (ב"ב קס"ד).

דעם מאמר דארף מען פארשטעהן. פארוואס זאל מען ניט טארען לויבען א מענשען? איבערהויפט דא, ביי אונז אין אמעריקע, שרייבט מען דאך זעהר גרויסע טיטולען, וועלכע זיינען א צו גרויסע גוזמא. איהר ווייסט פארוואס מען שרייבט אזוינע גוזמאות? ווייל מען ווייסט דאך שוין אז דא איז מען מגזם, וועט מען דאך באטראכטען אלעם וואס איז אנגעשריבען בלויז פאר 1 פראצענט ריכטיג. דארף מען טאקע ממילא שריי־בען גרויסע גוזמאות פון שבחים אויף אלעמען. בלייבט דאך טאקע א קשיה: פארוואס זאגט די גמ' אל יספר בטובתו? נאר דער ענטפער איז, בטובתו של חברו.

צום ביישפיעל: איינער האט געריהמט אז א געוויסער רב קען זעהר שעהן דאווענען, ד. ה. ער האט איהם געריהמט מיט'ן שבח פון זיין חבר דעם חזן. און דאס איז ניט קיין שבח פאר א רב, ווייל א רב דארף מען ריהמען מיט לומדות. פון דעם שבח קען מען זיך אנשטויסען אז מסתמא קען דער רב ניט לערנען, ווייל מען ריהמט איהם גאר אלס חזן. עס וואלט דאך זיכער געווען צום לאכען ווען א קהילה וואלט אנגעפרעגט פאר א גוטען חזן מיט א שעהנער שטימע, און מען וואלט איהר רעקאמענדירט א חזן וואס קען לערנען א פרק משניות.

דער מויל פון בלעם'ס אייזעל איז באשאפען געווארען ע"ש בין השמשות. איז עס מעגליך אז דער אייזעל האט געלעבט אזוי לאנג פון ששת ימי בראשית ביז דער עפאכע פון בלעם? נאר דער ענטפער איז: גאט האט באשאפען א מויל צום אייזעל אז אין דער עפאכע פון גלות, וועלכע איז געגליכען צו א בין השמשות — פינסטערע צייטען — דאן בילען די אייזלען, די אנטיסעמיטען.

אבער די ענדע וועט זיין אז ונפשי כעפר לכל תהיה. אזוי ווי די ערד וואס מען טרעט אויף איהר נעמט נאכדעם נקמה, זי נעמט צו און פארשיט די טרעטער, אזוי וועלען די אנטיסעמיטען באערדיגט ווערען אינגיכען.

עס איז אמאהל געוועזען ביי אידען א מסור מיט׳ן נאמען שמחה. האט דער רבי מתפלל געוועזען עס זאל זיין שמחה לארצך, וששון לעירך. איך מיין דא חו״ש ניט קיינעם, נאר איך וויל אייך זאגען נאכאמאהל, אז מוצא שפתיך תשמר ועשית. מען דארף היטען דעם מויל. אט דאס לערענט אונז די תורה, ובזכות זה וועט זיין שמחות.

דערווארט שמות איז 4 אותיות, און די ווערטער פון ראשי תיבות איז אויך 4, ס״ה גימ״ט — ח. שטעלט מען אריין דעם ח׳ אינמיטען ווארט שמות ווערט שמחות!

## דרשה ג
## לחנוכה — וגם לברית מילה ולהולדת בת

דער מד״ר אויף פ׳ בלק זאגט: בזכות ד׳ דברים נגאלו אבותינו ממצרים, שלא שינו את שמם וכו׳. דערפאר זיינען אונזערע עלטערען אויסגעלייזט געווארען פון מצרים, ווייל זיי האבען נישט געביטען זייערע נעמען.

פרעה האט זעהר געוואלט בייטען יוסף׳ס נאמען. ער האט איהם גערופען צפנת פענח. אבער יוסף האט עס ניט אנגענומען. די תורה זאגט אין סדרה מקץ, ויצא יוסף על ארץ מצרים. ער האט זיך גערופען איבערן גאנצען לאנד מיט׳ן נאמען יוסף.

ביי א ברית, ווען דער פאטער זאגט די ברכה להכניס: בבריתו של א״א, ענטפערען די אנוועזענדע, כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמע״ט. ווארום ענטפערט מען ביי אנ־דערע ברכות בלויז אמן, און ביי דער ברכה ענטפערט מען, אזוי ווי ער איז אריין צום ברית אזוי זאל ער אריין צו דער תורה,

צו דער חופה און מע"ט. ווארום דארף מען עס צוגלייכען צום ברית און צו דער תורה?

דאָ ליגט אַ כונה, אין דעם פאַרגלייכען עס צום ברית. ווייל ביים ברית גיט מען דעם קינד אַ אידישען נאָמען, ווינשט מען אַז מען זאָל איהם אימער אַזוי רופען מיט זיין אמת'ן אידישען נאָמען. אַזוי ווי ביים ברית, און אַזוי ווי ווען מען רופט אויף צו דער תורה.

ביי אונז אין שוהל האָט איין עלטערער איד מנדר געווען ביי דער עליה אַ שעהנע סומע געלד, און געהייסען אַ נאָמען געבען זיין אייניקעל, אַ מיידעלע. וואָס איז דער נאָמען? פרעגט איהם דער שמש. גיט איהר אַ נאָמען ווי איהר ווילט, האָט דער זיידע געזאָגט. עס איז דאָך אָבער אייער אייניקעל, ניט מיינער! האָט דער שמש געטענה'ט. איך האָב אייך גוט באַצאָהלט פאַר דעם, האָט דער זקן געזאָגט, אַז מען זאָל פון אייך חוזק מאַכען און ניט פון מיר, ווייל דעם נאָמען וואָס מיר ווערלען איהר דאָ יעצט אַ נאָמען געבען וועט מען זי דאָך אַזוי ניט רופען —עס איז נאָר חוזק.

קראו בשמותם עלי אדמות (תהי', מ"ט). זיי רופען זיך מיט זייערע נעמען, נאָר ווען מען איז שוין ר"ל אין דער אדמה, ווען מען קומט אין שוהל צו דער הזכרת נשמה.

מיינער אַ בעקאַנטער ביזנעסמאַן האָט משנה השם געווען און אָנגענומען אַ ווייבערישען נאָמען. אומשטענדען נעבאך האָבען איהם געבראַכט צו דעם. אָבער אידען וואָס האָבען ניט מיטגעמאַכט אַזוי ווי יענער ביזנעסמאַן, ווארום זאָלען זיי זיך שעהמען מיט אַ אידישען נאָמען?

די אידען וואָס שעהמען זיך מיט זייערע נעמען האָבען ווייזט אוים באַנקראָטירט מיט זייער אידישקייט.

אַזוי ווי אַ ברית איז דאָך צו 8 טעג, און חנוכה איז דאָך אויך 8 טעג, וועלען מיר ריידען אַביסעל פון חנוכה.

עס איז דא א פסוק אין שה"ש ועל פתחינו כל מגדים. דאס איז דער נר חנוכה וואס מען דארף איהם שטעלען פאר א טיר, אדער א פענסטער, כדי יעדער איינער זאל זעהן אז אידישקייט האט ניט באנקראטירט.

די חז"ל האבען מתקן געווען די צייט פון הדלקה איז, משתשקע החמה עד שתכלה רגל מן השוק. ווארום גראדע שתכלה רגל מן השוק?

חנוכה זאגט מען מזמור שיר חנוכת, ווארום זאגט דער פסוק מזמור שיר חנכת הבית לדוד? דעם ביהמ"ק האט דאך שלמה געבויט, האט דאך דער פסוק געדארפט זאגען מש"ח הבית לשלמה.

דער ענטפער רבותי איז: גאט פאלגט דעם צדיק און טהוט זיין רצון. רצון יראיו יעשה. אויף דעם ערשטען האלבען פסוק אין שה"ש הדודאים נתנו ריח זאגט דער מד"ר, דאס מיינט מען ראובן שהציל את יוסף. חאטש ראובן האט דאך איהם ניט גע־ראטעוועט, נאר וויבאלד אז ער האט איהם געוואלט ראטעווען האט מען איהם געהאלפען מן השמים און ער איז געראטעוועט געווארען. דאס מיינט די דודאים, דער פערלאנג פון ראובן, האט ארויסגעגעבען א גוטען אראמאט. צדיק גוזר והקב"ה מקים. און אזוי לערנען מיר אין פרקי אבות, עשה רצונו כרצונך כדי שיעשה רצונך כרצונו.

זיי, די מלכות יון הרשעה, האבען געוואלט מאכען פארגע־סען אידען די תורה, להשכיחם תורתך. זיי האבען פארשפרייט זייער קולטור, זייער פילאזאפי, זיי האבען ארויפגעצוואונגען אויף אידען זייער אמונה. עס איז כמעט ווי געלונגען. די מעהרסטע פון דעם אידישען פאלק האבען זיך אפגעלאזען פון דער תורה, און זיך אויסגעמישט מיט דער אומריינער עבודה זרה. עס איז אונטערגעגאנגען די ליכטיגע זון פון דער תורה—שקיעת החמה.

א קעניג האט אמאהל געשיקט א מאהלער ער זאל איהם מאהלען אלע נאציאנען פון דער וועלט, זייער ארט קליידונג,

און זייערע מאַניערען. האָט דער מאָהלער געבראַכט צו דעם קעניג אַלע סאָרטען פאָטאָגראַפיעס — יעדער נאַציאָן מיט איהרע קליידער. נאָר אויף איין פאָטאָגראַפיע איז געוועזען איין נאַקעטער מענש, און אַ באַרג קליידער פון אַלע נאַציאָנען איז געוועזען ביי זיין זייט. ווער איז דיזער נאַקעטער מענש? האָט דער קעניג געפרעגט. אדוני המלך! דאָס איז איין יודע! האָט דער אַרטיסט געענטפערט. דער יהודי טראָגט אויף זיך די קליידער פון אַלערליי נאַציאָנען.

די אידען אין יענער צייט האָבען זיך אויסגעמישט, נאָר די קליין הייפעלע צדיקים, די געטרייע אידען צו דער תורה, די חשמונאים, זיי האָבען געוואָלט אויפהאַלטען דאָס אידישע פאָלק מיט דער תורה, און גאָט האָט זייער פאַרלאַנג געפאָלגט.

אָט דאָס איז דער פשט עד שתכלה רגל מן השוק. שוק מלשון השתוקקות. די מלכות הרשעה האָט געוואָלט מאַכען אוים תורה, אָבער די חשמונאים האָבען געוואָלט די תורה. און יעקב האלט דאָך עשו'ן פאַר'ן פוס, האָט גאָט געפאָלגט יעקב'ן. דערפאַר איז דער זמן הדלקת נ"ח משתשקע החמה עד שתכלה רגל מן השוק, עשו'ס פוס זאָל ניט קענען צוטרעטען.

די תורה זאָגט אין סד' תולדות: ואחרי כן יצא אחיו וידו אחזת בעקב עשו. רש"י, סימן שאין זה מספיק לגמור מלכותו עד שזה עומד ונוטלה הימנו. ארצה שעיר שדה אדום. זיינען די ערשטע אויתיות „אש"—פייער. די אַנטיסעמיטען ווילען ברענען.

דער פערלאַנג פון דעם קליין הייפעלע צדיקים איז ערפילט געוואָרען. שוק מיינט פאַרלאַנג, תשוקה, און דערפאַר ווערט דער ביהמ"ק גערופען אויף דוד'ס נאָמען, מ' שיר ח' הבית לדוד, ווייל דהמע"ה האָט זעהר געוואָלט בויען דעם ביהמ"ק.

זעהט, טייערע אידען, און ווילט מיט אַן אמת אויפהאַלטען די ליכט פון דער תורה. ווען אידען פאַרבייטען זייערע נעמען —דאָס איז אַן אָנפאַנג פון אַסימילאַציאָן, פון התבוללות ר"ל.

יעדער אידישער נאָמען האָט דאָך אַ גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג. די וועלט דערצעהלט אז אַ איד האָט נעבאך גע־פרעגט אַ רבי׳ן: אזוי ווי זעקס פריהעריגע קינדער האָבען זיך ביי איהם ר״ל געפּעהלט, און יעצט האָט זיין פרוי געבוירען אַ זיבעטע מיידעלע, ווי זאָל ער איהר אַ נאָמען געבען? האָט דער רבי געהייסען זי רופען בת שבע—די זיבעטע.

זעהט־זשע, רבותי, דעם אידישען נאָמען אויפצוהאַלטען מיט גרוים רעספּעקט!

איך בין געוועזען אַמאָל אויף אַ חתונה, פרעג איך די מחותנים: ווי רופט מען די כלה? האָט מען מיר געענטפערט בת מי זהב—זי טרינקט גאָלד ווי וואסער—אַ גרויסע אויסברענ־גערין. נו, און דעם חתן? אליפז—ווייל מען פארגעטערט איהם צוליב זיין געלד.

# דרשה ד
# להקמת מצבה

ותרא את התבה בתוך הסוף ותראהו את הילד והנה נער בכה ותחמול עליו.

פריינדע! מיר זיינען יעצט אויך בתוך הסוף, אינמיטען אין אַ סעמעטערי. די סעמעטערי רופט זיך סוף—סוף אדם למות. ותרא את התבה: מיר זעהען דאָ אַ מצבה, און ארום דער מצבה אַ קאַסטען. ותראהו את הילד והנה נער בכה, אזוי ווי פון משה רבינו׳ם קליין העלזעלע, ווען ער איז נאָך געלעגען אין קעסטעלע, האָבען ארויסגעוויינט פון איהם אלע אומשולדיגע אידישע קינ־דערלאך וועלכע זיינען דערטרונקען געוואָרען, אזוי זאָגט דאָך די תורה, נער בכה, האָטש אַ קליינינקער קינד, אָבער ער האָט געוויינט ווי אַ גרויסער. אָט אזוי וויינען דאָ יעצט ביי דער מצבה די אייגענע פון דעם פארשטאָרבענעם.

ווירקליך, עס איז דאָ וואָס צו וויינען. די גמ׳ אין ברכות

זאגט אז ר' אליעזר האט געוויינט על האי שופרא דבלי בארעא, מען דארף וויינען וואס דער גוטער מענש ליגט אין דער ערד.

דא זאגט די תורה אז זי האט געזעהן ווי דאס קינד וויינט. וויינען הערט מען דאך! נאר עס זיינען דא מענשען וואס חאטש זיי וויינען ניט, אבער מען זעהט אויפ'ן פנים אז זיי טרויערן. אזוי זעה איך די פארוויינטע פנים'ער.

א ישוב'ניק וואס פלעגט פיהרען זיינע פראדוקטען אין שטאדט, פלעגט מיטנעמען מיט זיך זיין פרוי מיט זיין קליין אינ־געלע. ווען מען האט געדארפט ארויף פאהרען אויף א הויכען בארג, פלעגט דער טאטע ארויסגיין פון וואגען און פלעגט שטו־פען דעם וועגעלע אויפ'ן בארג. ווען דער דארפסמאן איז גע־שטארבען, און די פרוי האט איהם געפיהרט אויפ'ן בית עולם, האט די מוטער געזאגט צום אינגעלע: זוהן מיינער, קריך ארויס און העלף מיר ארויף שטופען דעם וואגען אויפ'ן בארג. האט דער אומשולדיגער נאאיווער קינד געפערעגט: מאמע, דער טאטע פלעגט דאך אונז אלעמאהל לאזען זיצען אין וואגען און אליין ארויף שלעפען. האט זיך נעבאך די מוטער צואוויינט. קינד מיינער, היינט זעהסטו דאך אז דער טאטע ליגט, מוזען מיר אליין שלעפען דעם וואגען מיט'ן שווערען יאך.

אין די עי"ת זאגען מיר אין דאוונען, כתבנו בספר החיים. ווארום דארפען מיר זאגען דעם ווארט בספר, מען קען דאך שוין אליין פארשטעהן אז פארשרייבען איז דאך מסתמא אין א בוך. מיר האבען געדארפט זאגען בלויז כתבנו לחיים. דער ענטפער איז: רבותי! א פאמיליע איז געגליכען צו א בוך, די עלטערען דאס זיינען די טאוולען פון בוך, בעטען מיר ביי גאט אז דער גאנצער בוך מיט די טאוולען זאל זיין גאנץ, ווייל ווען חו"ש איי־נער פון די עלטערען שטארבט, מיינט עס א טאוועל פון בוך האט זיך שוין אפגעריסען, און חלילה דער גאנצער בוך קען צושאטען ווערען.

א מאן מיט א פרוי איז דאך ווי איין גוף, והיו לבשר אחד.

צוגענומען האט מען א האלבען גוף יעצט, פון דער עלענדער אלמנה, אזוי ווי פאראליזירט געווארען א האלבער קערפער. ותחמול עליו — עס איז א גרויסער רחמנות.

עס איז דא איינינע מאהל אין תנך **הן אני**—הן אני עץ יבש, (ישעיה נ"ו), הן אני נשארתי לבדי, הן בני ישראל לא שמעו אלי וכו' ואני ערל שפתים, **וארא** הן על כפים חקתיך, ישעיה מ"ט. אט די אלע הן אני'ם האבען א גרויסען שיכות צווישען זיך.

דער מענש, ווען ער לעבט, יאגט ער זיך צו זאמלען עשירות, און פארשידענע עולם הזה'דיגע זאכען. אבער דער לעבען לויפט דורך ווי א חלום, און ווען דער מענש איז גוסס, ווענדעט ער זיך צו די געלט און זאגט: געלט טייערע! איך האב דיך אזוי טייער געהאלטען, מיין לעבען האב איך ריזיקירט פאר דיר, און בין געווען שטאלץ מיט דיר. יעצט זעה אז מען זאל מיך נים צונעמען פון דיר, פון דאנען. אבער די געלט ענטפערט: הן אני עץ יבש, איך בין דאך ניט מעהר ווי א שטומער האלץ, און קען פאר דיר גאר ניט אויפטהון. דאן ווענדעט זיך דער שטארבענדער מענש צו זיין פרוי, פאר וועלכער ער האט זיך ממש מפקיר געווען, און זי ענטפערט אויך, וואס קען איך דיר העלפען? הן אני ערל שפתים, מיין מויל האט דארטען אין הימעל קיין ווערדע נים. און צו די אלע פריינד זיינע ווענדעט ער זיך, אבער הן בני ישראל לא שמעו, ער בלייבט נעבאך אליין, הן אני נשארתי לבדי. אויב אבער דער מענש איז א בעל צדקה און האט געטהון גוטעס, אויב הן על כפים חקתיך, דאן איז ואנכי אהיה עם פיך (שמות) איז די צדקה א מליץ יושר פאר דעם מענשען, והלך לפניך צדקך.

אט דאס איז דער פשט אין פסוק. אז מען זעהט אין הימעל אז דא אויף אונזער וועלט וויינט מען, און מען באדויערט דעם פארשטארבענעם ווייל ער איז געווען א גוטער מענש און די ארימעלייט האבען פארלארען אין איהם א גרויסען פריינד, אז ותרא את התבה וכו', והנה נער בוכה, מען וויינט אויף זיין פריה-

ציטיגען טויט, איז ותחמול עליו, האָט מען אויף איהם רחמנות אין הימעל, און ער געהט אריין גלייך אין ג״ע, אָהן יסורים, אָהן דין של גיהנום, ובלע המות לנצח ומחה דמעה מעל כל פנים!

## דרשה ה

## די אורזאַכע פון גלות

והנה שני אנשים עברים נצים ויאמר לרשע. די ווערטער בעטען זיך צו דרשענען. שני אנשים עברים — צופיל ווערטער. שני עברים איז גענוג.

רבותי! איך בין געלאַדען געווען צו אַ בר מצוה אין אַ שוהל. דער בעל קריאה, ניט קיין גרויסער מומחה, האָט געלייענט דעם פסוק שני עברים נאַצים. עס איז געוואָרען אַ געשריי אַז מען זאָל איהם הייסען איבערלייענען דאָס וואָרט נצים. איך האָב אָבער איינגעשטימט מיט׳ן בעל קריאה, אַז ער האָט געזאָגט אַ נבואה, נבא ולא ידע מה נבא.

אַז אידען קריגען זיך זיינען זיי נאַצים. און אַזוי זאָגט דאָך די תורה — ויאמר לרשע.

עס איז דאָ ביי אידען ר״ל מחלוקת קרח. ר״ת פון קרח— קצבים, רבנים, חזנים.

אַ שמייכעל ציגט זיך אויף מיין פנים ווען איך שרייב דעם פאָלגענדען עפיזאָד: אין יוראָפּ איז געקומען אַלס רעליעף דעלעגאַט אַ גרויסער געלעהרענטער איד פון אַמעריקאַ. זיינען געקומען אַ קאָמיטע פון יענער שטאָדט צו דעם אַמעריקאַנער ת״ח מיט אַן אָנקלאַגע: שוין איינינע יאָהר אַז ביי זיי איז געקומען אַן אַמעריקאַנער שוסטער און האָט זיך דורך עטליכע לומפּיגע דאָלאַר מיט געוואַלד אַריינגעריסען און געוואָרען ביי זיי רב.

איהר זייט מאָדנע אידען, האָט דער דעלעגאַט צו זיי גע־

זאגט. שוין 50 יאהר אז איהר פון יוראפ שיקט אונז אין אמע־ריקע שוסטער וואס ווערען ביי אונז רבנים און מיר שווייגען. טאמער האבען מיר אייך איינמאהל געשיקט אונזערען א שוס־טער, מאכט איהר געוואלדען.

רבותי! דאס דערצייל איך אייך וואס די אמעריקאנער ת"ח זאגען אויף די יוראפייאישע רבנים. די שנאת חנם, דער אש המחלוקת איז גורם אז מען זאל ריידען אויף די ת"ח.

בגמ' בכורות ח' ע"ב, אית לן בירא בדברא עיילא למתא, א"ל אפשילו לי חבלי מפארי די סבי דבי אתונא, האבען געזאגט צו ריב"ח, מיר האבען א ברונעם וואסער אין דער מדבר, בריינג־אריין דעם ברונעם אין שטאדט, וואס פאר א נוטץ קען א ברו־נעם ברענגען אין א וויסטען ארט. אין א שטאדט קען עם בריינ־גען נוטצען. האט ער זיי געענטפערט אז איהר וועט מאכען שטריק פון קלייען, וועל איך צובינדען צום ברונעם און אריינ־ברענגען איהם אין שטאדט.

די אגדתא איז זעהר קלוג און שפאסיג, אבער דאך וויסען מיר אז אונזערע חז"ל האבען נישט געשפאסט גלאט אזוי, אהן א צוועק. און די פילאזאפען פון אטענס האבען אויך ניט גע־קיבעצט אזוי גלאט אין דער וועלט אריין. רש"י זאגט דארטען זיין געדאנק און דער אגדות מהרש"א זאגט אויך זיין געדאנק, אז זיי האבען געמיינט דעם חורבן ביהמ"ק. די מחקרים זאגען אז דאס איז געוועזען א פאליטישע פראגע. זיי האבען געזעהען די גרויסע חכמה פון די ת"ח, און פון דער תורה, האבען זיי געזאגט אז די תורה איז דאך געגליכען ווי קלאהרע וואסער צום דורשטיגען, ווארום־זשע האבען אידען ניט קיין לאנד? און זיי ליגען אין א מדבר צווישען שלאנגען, ד. ה. אין גלות, צוווי־שען די אנטיסעמיטען. האט זיי ריב"ח געענטפערט אז וויל זיי זיינען ניט צוזאמענגעבונדען אין אחדות, וויל עס איז דא ר"ל מחלוקת, דערפאר וואהנען אידען אין גשן—געה שוין, מען טרייבט נעבאך.

ישעיה הנביא זאָגט שריך סוררים, כלו אהב שחד ורדף שלמנים. מיר לעבען אין דער עפּאָכע וואָס די גרעסטע מענשען ר״ל טהוען נידערטרעכטיגקייטען צוליעב לומפּיגע געלט.

עס שמייכעלט זיך מיר ווען איך דערמאהן זיך אין פאַל־גענדען עפּיזאָד. אַ מאַן פרעגט זיינע אַ באַקאַנטע פרוי ווי אַזוי קענסטו געהן חתונה האָבען מיט אַזאַ אַלטען מאַן? וואָס נאָך פאַרמאָגט ער אויסער געלט? ער פאַרמאָגט נאָך דריי וויכטיגע זאַכען, האָט די פרוי געענטפערט, אַ קענסער, אַ שוואַך הארץ, און היי בלאַד פרעשור.

אָט האָט איהר! חתונה האָבען איז דאָך אַ הייליגער צוועק. דער צוועק פון ליבע און געטריישאַפט. און דאָך איז עס געוואָ־רען אַ ביזנעס פאַר גאָלד דיגערס — GOLD DIGGERS

איין אַלטער איד האָט מיר אַמאָהל געזאָגט אַז ווען ער באַ־מערקט ווי יעצטיגע גייסטיגע פיהרער זיינען פאַרקויפט צו די געלט, וואָלט ער בעסער אויסגעביטען צען היגע גאונים פאַר איין אַמאָהליגען רב. ווייזט אויס אַז דער אַלטער האָט כשר פאַרדינט דעם נאָמען זקן — זה שקנה חכמה.

בישישים חכמה — ער האָט געשאָסען מיט הכמה.

אָט דאָס זאָגט די תורה. מרע״ה האָט געזעהן שני אנשים צוויי פיהרער, עברים, אידישע און נאַצים, זיי זיינען פאַלש ווי די נאַצים. ויאמר אכן נודע הדבר, יעצט ווייסט ער שוין די אורזאַכע פון גלות — קאָרופּטע פיהרערס. איז בעסער אַז זיי זיינען ניט אין אחדות. אויב חו״ש זיי זיינען אין אחדות איז ותמלא הארץ חמס — ר״ת היטלער, מוסאָליני, סטאַלין. דער ח״ם פאַרבייט זיך אויף אַ ה״א עפּ״י דקדוק (לייענט די הקדמה). דאָ האָט אָבער מרע״ה געזעהן די גרויסע צרה פון גלות — אַז אויף צו מסר׳ן אָדער שלעכטס טהאָן, זיינען זיי ביידע אין אחדות — שני אנשים.

אָט דאָס איז דער פשט, ת״ח מרבים שלום בעולם. אַז אין

אַ חברה וואו עס איז דאָ אַ מחלוקה איז געקומען אַ רב זאָגען אַ דרשה, האָבען זיי גלייך געמאַכט שלום צווישען זיך און אָפּגעשטימט אַז מען זאָל דעם רב ניט לאָזען זאָגען. די ת״ח מאַכען שלום צווישען די מהרסים ר״ל. בעסער איז אַז עס איז ניטאָ צווישען די מהרסי העולם קיין שלום — אין שלום לרשעים. די רשעים גיט מען איין (1) שלום עליכם.

איך בין ניט פאַר שלום, ביז די רשעים וועלען פאַרלאָרען געהן, כי הנה אויביך יאבדו, יתפרדו!

## ד ר ש ה ו

## דאָס אידישע פאָלק איז אַן עם עולם

אסרה נא ואראה את המראה הגדל הזה, מדוע לא יבער הסנה. מרע״ה קעהרט זיך אָפּ פון אַלעם וואָס ער זעהט ביז יעצט און ער וויל זעהען דעם סוד וואָס דער דארען ברענט, און דאָך ווערט ער ניט פאַרברענט.

רבותי! דער מענש איז געגליכען צו אַ בוים, ער ווערט אויך ניט פאַרברענט. ווען ער שטאַרבט, שטאַרבט ער ניט אינגאַנצען. געוועהנליך ניט אַלע קענען עס פאַרשטעהן, ניט אַלע קענען עס זעהן מיט זייער שכל. גאָט זעהט אַז משה קעהרט זיך צו דעם און ער וויל זעהן, ער וויל פאַרשטעהן: כי סר לראות. די שווערסטע חכמה אַז מען וויל, קען מען עס מיט דער צייט דערגרייכען!

נחום איש גם זו האָט געזעהן עפ״י חכמה אַז אַלעס איז צום גוטען (בגמ׳ תענית).

דער געוועהנליכער מענש קען עס ניט באַגרייפען, אַז די שלעכטע פאַסירונגען זאָלען אדרבה זיין צום גוטען. אזוי ווי ער קען ניט באַגרייפען אַז ווען איינער שטאַרבט, איז עס ניט אין גאַנצען געשטאָרבען.

ר׳ עקיבא האָט אויסגעשפראָכען דעם זעלבען געדאַנק מיט

די ווערטער: כל מאי דעביד רחמנא לטב עביד. פאַרוואָס ר׳ עקיבא האָט זיך אויסגעשפּראָכען מיט אַנדערע ווערטער, האָט מיר אַמאָהל געזאָגט אַ איד אַ מסתפק במועט. לטב איז אין ר״ת ליולקע, טאַבאַק, בראַנפען. ד״ה אַז ער האָט נאָר אַ ליולקע־טאַבאַק צום רויכערן, און אַ ביסעל בראַנפען, איז ער העכסט צופרידען. דאָס דערצייל איך אייך, רבותי, נאָר צו מאַכען אייך פרעהליכער. אָבער די אמת׳ע כונה פון דעם שנוי הלשון וועלען מיר פאַרשטעהן שפּעטער.

אין דער סדרה וישב איז דאָ אַ רש״י: כיון שראה עצמו מושל, התחיל אוכל ושותה, ומסלסל בשערו. אמר הקב״ה אביך מתאבל ואתה מסלסל בשערך, אני מגרה בך את הדוב מיד. (אַ סך פון מיינע דרשות נעם איך פון רש״י. רש״י׳ס נאָמען איז דאָך שלמה, מוז עס זיין חכמה, ד״ה איך נעם פון דער חכמה).

מיר האָבען דאָ צו פרעגען צוויי קשיות אין דער רש״י. ווארום זאָגט רש״י איך וועל אָנרייצען אויף דיר דעם בער? ווארום ניט אַ הונט אָדער אַן אַנדערע חיה? און אויך פאַרוואָס האָט טאַקע יוסף, דער צדיק הדור, געלאָזען זיך וואוילגעהן אין דער צייט ווען זיין פאָטער טרויערט?

הערט־זשע רבותי! איך וועל אייך דערציילען אַ לעגענדע.

דער וועלט באַריהמטער צדיק ר׳ אלימלך מליזענסק, ווען ער האָט געפּראַוועט גלות אין די שטעדט וואו מען האָט איהם ניט געקענט, פלעגט קיינמאָהל ניט בעטען פון קיין בו״ד, נאָר ער האָט מקיים געווען דעם פסוק: ברוך הגבר אשר יבטח בד׳ והיה ד׳ מבטחו. אַזוי ווי צום ביישפּיעל דער גרויסער צדיק ר׳ לייב שרה׳ס פלעגט זאָגען אַז ער איז זיך מתפרנס פון צוויי קיה. ווען דער עולם האָט אָבער אונטערזוכט און געזעהן אַז ער האָט ניט קיין בהמות, האָט ער געזאָגט ער מיינט: **כי** בו ישמח לבנו, **כי** בשם קדשו בטחנו!

אַז דער צדיק ר׳ אלימלך איז אָבער געוועזען זעהר הונגעריג,

פלעגט ער בלויז זאָגען: אלימלך איז הונגעריג.

איינמאָהל איז ער אָבער געוועזען אין איין אָרט פון זעהר פראָסטע מענשען און זיי האָבען ניט פארשטאַנען אז ער וויל נעבאך עסען. איז דער צדיק צוגעגאנגען צו א הויז און אנגעקלאפּט אין פענסטער: איך בין הונגעריג און וויל עסען. אָבער גלייך אויפ'ן אָרט אנטלאָפען. דער בעה"ב האָט דערהערט אז א מענש איז נעבאך הונגעריג, איז ער באלד ארויסגעגאנגען אריינצונעהמען דעם אורח אין הויז. ער זעהט אז דער מענש לויפט אַוועק, איז ער איהם נאָכגעלאָפען. ס'טייטש ר' איד, איהר זייט דאָך הונגעריג, טאָ וואָס-זשע אנטלויפט איהר? האָט דער צדיק געענטפערט: איך האָב דאָך שוין מיין ארבייט אפּגעטהון, און יעצט ווייס איך אז גאָט וועט שוין העלפען.

א מענש דאַרף עפּעס טהאָן איין עובדא, און גאָט העלפט איהם אין אלעם וואָס ער טהוט. אויב ניט דורך דעם, וואָלט געוועזען דורך איין אנדערען שליח. אָבער חו"ש מען טאָר ניט סומך זיין זיך אויף א מענשען. מיין בטחון איז אין גאָט. אָט דערפאַר האָט יוסף ניט געטרויערט, ער האָט געזאָגט: גזל"ט. דאָס איז אַ גרעסערע מדריגה אין בטחון ווי כל מאי דעביד ר' לטב עביד. אין דעם מאמר פון ר"ע איז אויסגעשפּראָכען אז דער צוקונפט איז צום גוטען. יוסף האָט אָבער געזאָגט עס איז שוין גוט יעצט, אויפ'ן אָרט, און איז געווען פרעהליך.

האָט גאָט געזאָגט: לאָמיר זעהן אז אַ פרוי וועט זיך צוטשעפּען צו דיר, וועסטו אויך זיין פרעהליך? הדוב בגימ"ט טוב — דאָס מיינט אַ פרוי, ווייל מצא אשה מצא טוב. און ווען ער איז דורך אַ בלבול פון אַ פרוי אריינגעפאלען אין פריזאָן, האָט ער נעבאך געזאָגט: זכרתני והזכרתני צום שר המשקים. זאָגט דער מד"ר אז דערפאַר וואָס ער האָט געזאָגט צוויי מאָהל זכרתני והזכרתני, האָט מען איהם דערפאַר פון הימעל באַשטראָפט ער זאָל זיצען נאָך צוויי יאָהר אין פריזאָן. יוסף דער גרויסער בעל בטחון אין גאָט האָט ניט גערדאַרפט זיך בעטען

ביי א בו"ד צוויי מאָהל. אָט דאָס זאָגט די תורה: ויהי מקץ שנתים ימים, האָטש ער איז דאָך געזעסען פיעל מעהר ווי צוויי יאָהר, נאָר די תורה זאָגט אַז די צוויי יאָהר איז ער געזעסען פאַר'ן זכרתני והזכרתני.

רבותי! איך דענק אַז מיר קענען יעצט פאַרשטעהן אַז אַלעס וואָס גאָט טהוט איז צום גוטען. מען דאַרף נאָר האָבען שכל און וועלען פאַרשטעהן.

א שמייכעל צייגט זיך אויף מיר ווען איך שרייב דעם פאָל־גענדען עפּיזאָד:

א קאַרגער גביר האָט גענומען צו זיך איין אורח אויף שבת. אויפ'ן טיש איז געוועזען די שבת'דיגע חלה, און אויך שוואַרצע ברויט. דער אורח האָט געגעסען די חלה. זאָגט דער גביר צו איהם: עסט ברויט, ר' איד. די חלה איז געשמאַקער, האָט דער אורח געענטפערט. עס קאָסט אָבער טייערער, האָט דער קמצן געזאָגט. עס האָט אָבער די ווערטה, האָט דער אורח געענטפערט.

פון דעם עפּיזאָד קען מען זיך אויסלערנען צוויי זאַכען. איינס איז ווי די גמ' זאָגט: המצפה לשלחן חברו עולם חשוך בעדו. און די אַנדערע איז: עס זיינען דאָ מענשען וואָס באַ־גרייפען ניט קיין זאַך, אַזוי ווי דער אָרימאַן. ער האָט זיך גאַרניט אָרומגעזעהן ביי וואָס פאַר א קמצן ער געפינט זיך נעביך. מענשען דאַרפען זיך אָרומזעהן און באַטראַכטען.

מרע"ה האָט די גאַנצע צייט געטראַכט וועגען זיין פאָלק ישראל. האָט איהם גאָט געצייגט דעם ברענענדיגען דאָרען וואָס ווערט ניט פאַרברענט — אַזוי איז דאָס אידישע פאָלק.

די אַלע רויבער וועלכע רויבען דאָס אידישע פאָלק וועלען צורייסען אויף זיך זייער הויט אַזוי ווי דער וואָס קריכט אַריין אין א דאָרען.

דער צוועק פון דעם גלות מצרים איז געווען צו לערנען

דער וועלט דעם גרעסטען לעסאָן, כל מאי דעביד רחמנא לטב עביד. אַט דאָס האָט גאָט געוויזען צו משה׳ן אין דער ערשיינונג פון ברענענדיגען דאָרען.

---

## ד ר ש ה ז

## דבר קצר להפטרה לחנוך הבנים

אַט דאָס איז דער שיכות פון דער הפטרה צו דער סדרה. אין ישעיה סי׳ כ״ז, הבאים ישרש יעקב. דער נביא זאָגט דאָך ניט, ווער זיינען די הבאים, נאָר הבאים מיינט די צרות וואָס עס קומט אויף אידען אין גלות. דאָס מאַכט זיי מעהר שטאַרקער אַלס אַ פאָלק, דאָס וואָרצעלט זיי איין זיי זאָלען ניט שרעקען זיך פאַר די ערגסטע.

עס מאַכט מיך צום שמייכלען ווען איך דערמאָהן זיך אָן פאָלגענדען עפּיזאָד:

איין איד האָט געפרעגט דעם צוויטען: ווארום האָט דער מאַן מיט׳ן שירעם (אמברעלא) אַזוי מורא פאַר דעם באַוואוסטען אַנטיסעמיט? האָט דער איד איהם געענטפערט מיט אַ פראַגע, ווארום האָט אַ פערד מורא פאַר אַ שוואַכערען פון זיך און לאָזט זיך באַהערשען? דער ענטפער איז פשוט, ווייל אין די פערדישע אויגען קוקט דער שוואַכסטער אוים זעהר גרוים.

אַט דאָס זאָגט רש״י אין דער סדרה שופטים בעיני חשובים כלם כסום אחד (שם ברש״י) עם רב ממך בעיניך הוא רב, אבל בעיני אינו רב.

איך האָב אַמאָהל געהערט ווי אַ קיבעצער האָט זיך אוים־געשפּראָכען וועגען אַ רב אָט די שטיקעלע רש״י.

די הפטרה האָט אויך אַ שיכות צו דער סדרה, ווייל נאָך מיין געדאַנק נאָך איז דער גלות אַ סאָרט סקוהל פון ערציהונג, און דאָ רעדט אויך דער נביא ישעיה פון ערציהונג, את מי יורה דעה וכו׳.

מיינע פריינדע ! מיר האבען היינט זעהר א סאך ערציהער. יעדער איינער ציהט צו זיך אין קעשענע, כהן ונביא שגו בשכר.

א ישוב'ניק האט אמאהל געגעבען דעם רב 2 אינדיקעס און געזאגט : עפ"י שנים עדים יקום דבר. ויהי שם לגוי מלמד, ר"ל א גוי איז דארטען דער מלמד. אז דער גלות איז דער חדר איז דער גוי דער מלמד. אט דערפאר זינגען מיר : איך וויל נישט געהן אין חדר.

א לעהרער האט אמאהל געפרעגט א אידישען שילער, וואס וואלסטו געוואלט זיין ווען דיין פאטער איז היטלער. האט דער שילער געענטפערט איך וואלט דאן געוואלט זיין א יתום. ובכן יהי רצון, אז מיר זאלען פטור ווערען פון די אנטיסעמיטען בב"א.

חנוך הבנים קענען מיר לערנען פון דער רש"י : אני מגרה בך את הדוב.

הדוב מיינט מען א פרוי. א ישוב'ניק איז געקומען מיט זיינעם א בחור אין שטאדט אריין, זעהט דער בחור ווי א ציגיי־נער פיהרט א בער אויף א קייט, און דער בער טאנצט. זאגט דער בחור : פא ! דער בער איז, ווייזט אויס, נאך ניט פערהיי־ראט. פון וואנען ווייסטו עס, מיין זוהן ? האט דער פאטער גע־פרעגט. גאנץ פשוט, האט דער זוהן געענטפערט, איך זעה אז ער טאנצט. יוסף הצדיק האט אויך געטאנצט — א שעהנער בחור. מען דארף אבער מעהר לערנען און ווייניגער טאנצען.

## דרשה ח

## ליום הדין ליזכור ולהספד

ויפן כה וכה וירא כי אין איש, עתיד לצאת ממנו שיתגייר, (שם רש"י).

מרע"ה האט געזעהן אז קיין מענש וועט פון דעם מצרי ניט ארויסקומען.

איך דערמאָהן זיך, מאַכט עס מיך צום שמייכלען.

אַז אַ איד ביי אונז אין שוהל האָט זיך אויסגעשפּראָכען צו די אנוועזענדע: איהר ווייסט ווארום דער יעצטיגער אַנטיסעמיט איז אַזוי שלעכט? ווייל ער האָט ניט קיין קינדער, ווייס ער ניט פון קיין ליבע צו מענשען. ער פאַרשטעהט ניט דעם ווערטה פון אַ מענשען. האָט זיך אַ קלוגער איד אָנגערופען: וואָס־זשע דאַרפט איהר קלאָגען וואָס ער האָט ניט קיין קינדער, קלאָגט בעסער וואָס זיין טאַטע האָט געהאַט קינדער.

אָט דער געדאַנק, רבותי, איז דאָ אין דעם פּסוק. דער רבי פון אַלע נביאים האָט געזאָגט אַז איין אַנטיסעמיט וואָס האָט ניט קיין קינדער איז זעהר גוט, אָבער נאָך בעסער איז ווען זיין טאַטע האָט אויך ניט קיין קינדער וד"ל.

יעצט רבותי! אויב איהר האָט זיך גוט צוגעהערט צו דעם געדאַנק וואָס איך האָב דאָ אָנגעפאַנגען, וויל איך מיט אייך מאַכען אַ שפּאַציער אין דעם ווינטערדיגען טאָג אין וועלכען מען לייענט אָט דעם פּסוק: וירא כי אין איש, צו דער פאַר־שטיקטער אַטמאָספערע ווען אונזערע שוהלען זיינען אָנגעפּי־קעוועט מיט מתפללים. דאָס איז ר"ה, דער יום הדין.

אין דער תפילה אתה זוכר, זאָגען מיר כי זכר כל היצור לפניך בא. וואָרום האָט דער מסדר פון דער תפילה באַנוצט אַזאַ אויסשפּראַך כל היצור? וואָרום זאָגט ער ניט כי זכר כל אדם? דער וואָרט באַשעפעניש קען דאָך מיינען אַ חיה אויך. האָט ער דען אַ רעכט צו באַנוצען אַזאַ שפּראַך אויף מענשען?

איך זאָג אייך רבותי! אַז דער מסדר פון דער תפילה איז געוועזען זעהר אַן אַדעלמאַן. ער וואָלט געוויס ניט אַריינגענומען די אַלע באַשעפענישען צוזאַמען מיט'ן מענשען. דער מענש איז דאָך דער בחיר כל היצורים. אויך פאַרשטעה איך ניט וואָרום זאָגט ער דאָרטען אין דער תפילה אשרי איש שלא ישכחך, וואויל איז דעם מענשען וואָס פאַרגעסט דיך ניט. פאַרוואָס באַ־

נוצט ער די שפראך ניט פארגעסען? עס וואלט דאך געוועזען מעהר לאגיש צו זאגען אשרי איש שיעשה רצונך, וואויל איז דעם מענשען וואס טהוט גאט'ס פערלאנג.

רבותי! ווען אידען וואלטען פארשטאנען ריכטיג וואס זיי דאווענען וואלטען מיר טאקע געווען די העכסטע פאלק פון אלע שפראכען, ווייל אין יעדען ווארט פון דאווענען איז דא די גרעסטע חכמה. מען דארף גוט זיך צוהערען צו די ווערטער, כדי צו פאר־שטעהן וואס מען דאווענט דא אין דער תפלה אתה זוכר כל היצור, וועלען מיר אויך מוזען פארשטעהן פריהער די גמ' אין עירובין דף י"ג ת"ר שתי שנים ומחצה נחלקו ב"ש וב"ה הללו אומרים נוח לו לאדם שלא נברא יותר משנברא והללו אומרים נוח לו לאדם שנברא יותר משלא נברא, נמנו וגמרו נוח לו לאדם שלא נברא יותר משנברא. ווארום דארף די גמ' זאגען נמנו? עס וואלט דאך געוועזען גענוג ווען די גמ' זאגט גמרו.

דער ענטפער איז פשוט: עס איז דא רמ"ח (248) מ"ע, און שס"ה (365) ל"ת.

קומט דאך אויס אז די זאכען וואס מען טאר ניט טהאן איז דא מעהר ווי וואס מען דארף טהאן, און ווען דער מענש וואלט ניט באשאפען געווארען, וואלט ער דאך ניט געשטרויכעלט גע־ווארען אין די זאכען וואס מען דארף ניט טהאן, אויף יעדען טריט און שריט, קען דאך דער מענש דורכפאלען מיט איין עולה. אט דערפאר זאגט די גמ' נמנו. ווען מען האט געצעהלט די מצות וואס מען טאר ניט טהאן זיינען פיעל מעהר ווי די וואס מען דארף טהאן, האבען זיי דאן באשטעטיגט אז עס איז א מעהרהייט, ער זאל ניט געוועזען באשאפען געווארען. דערפאר זאגט די גמ' נמנו, און אויך יותר שלא נברא, אבער דאך ענדיגט די גמ' אז דער מענש איז שוין באשאפען געווארען ימשמש במעשיו. וואס מיינט עס?

איך וועל עס געבען צו פארשטעהן מיט דער גמ' אין קידושין

דף מ'. (מלאכי ג') ליראי ד' ולחושבי שמו אמר רב אסי מאי ולחושבי שמו אפילו חשב אדם לעשות מצוה ונאנס ולא עשאה מעה"כ כאילו עשאה מחשבה רעה אינה מצרפה למעשה ת"ה ס"ו, און אם ראיתי בלבי לא ישמע ד'. דאָס הייסט אַז ווען דער מענש טראַכט צו טהאָן גוטעס איז עס אויך אַ מצוה. נאָך דעם רעכענונג קומט שוין אויס אַז די 248 מצות זיינען דאָפּעלט און באַטרעפען 496, איז דאָך שוין ממילא פאַרשטענדליך אַז דער גוטער מענש איז זיין באַשאַפונג נויטיג, און ווען דער גוטער מענש לעבט איז פרעהליך אויף דער וועלט. אָבער דער רשע איז זיין לעבען איין אומגליק אויף דער וועלט. בעסער איז ווען זיין טאַטע וואָלט ניט געהאַט קיין קינדער.

אָט דאָס איז דער פּשט כי זכר כל היצור. אין דעם יום הדין באַטראַכט גאָט די באַשאַפונג, וועמען עס לוינט זיך צו באַשאַפען און וועמען ניט — אויב עס איז „כי אין איש" איז „ויך את המצרי".

אשרי איש שלא ישכחך, און האָט גוטע געדאַנקען צו טהאָן גוטעס און טהוט עס טאַקע.

רבותי, לאָמיר יעצט צו יזכור טראַכטען און מנדר זיין צו טהאָן גוטעס. דאַן וועט אונזער באַשאַפונג און אונזערע עלטערענס באַשאַפונג זיין אויף לאַנגע יאָהר, ד. ה. לארך ימים.

גאָטעניו! מיר זאָלען טאַקע זיין אויף לאַנגע יאָהר, וויל מיר האַלטען דאָך אויף די תורה. לאַנגע יאָהר איז אין דער רעכטער זייט פון דער תורה, וויל מחשבה טובה מצרפה למעשה. ממילא איז דאָך דאָ 496 מצות וועלכע מען דאַרף טהאָן. לב חכם לימין, דער חכם האָט גוטע מחשבות. אָט דאָס איז דער פּשט ארך ימים בימינה, וויל „לב חכם לימין".

אַ שמייכעל צייגט זיך אויף מיר ווען איך שרייב דעם עפּיזאָד: אַ פרוי האָט אָפּגערופען 2 אַזייגער נאָך האַלבע נאַכט אַ דאָקטאָר. ווען דער דאָקטאָר האָט זיך איבערגעצייגט אַז דער

חולה האָט געקענט וואַרטען, און מען האָט ניט געדאַרפט רופען
אַזוי שפּעט ביינאַכט, האָט ער דאָס באַמערקט צו דער פרוי.
זייט ניט ברוגז, דאָקטאָר, האָט די פרוי געזאָגט, מיר האָבען
גערעכענט אַז ווען מען רופט אייך ביי טאָג ווען איהר זייט פאַר־
נומען, דאַרף מען אייך געבען 5 דאָלער פאַר'ן וויזיט, אָבער ביי־
נאַכט האָט איהר דאָך ניט קיין אַנדערע קראַנקע. וועט איהר
נעמען איין (1) דאָלער. אַזוי זיינען דאָ אַ סאַך אַזוינע חכמים.

אַדער: עס האָט אַמאָהל אַ געשמד'ער איד זיך געוואָלט
מגייר זיין און ווערען צוריק אַ איד. האָט איהם זיין פרוי גע־
ראַטען ער זאָל וואַרטען ביז נאָך פסח, ווייל פסח קאָסט צופיעל
געלט.

אַדער: אַ דאָקטאָר האָט עקזאַמינירט אַ קראַנקען, האָט
ער געפונען ביי איהם אויפ'ן פלייצע אַ בלויען פלעק. פרעגט
ער דעם קראַנקען'ס פרוי: וואָס איז דאָס פאַר אַ פלעק? דאָס
האָט ניט צו טהאָן מיט זיין קראַנקהייט, האָט די פרוי געענט־
פערט, ער שלאָפט אויפ'ן שליסעל פון סייף.

זעהט־זשע רבותי, שלאָפט ניט אויף די שליסלען. פאַרוואָס
ווען מען נעמט אַרויס די תורה זאָגט מען בנסע הארן ויפצו
אויביך, וינוסו משנאיך מפניך, און אַז מען שטעלט אַריין די תורה
זאָגט מען השיבנו אליך ונשובה.

דער ענטפער איז פשוט! ווען מען פאַנגט אָן לייענען די
תורה רופט מען דאָך אויף, און מען דאַרף מנדר זיין צדקה. די
וואָס שלאָפען אויפ'ן שליסעל לויפען אַרויס, אָבער אַז מען האָט
שוין אָפּגעלייענט זאָגען זיי השיבנו ונשובה. קומט אַריין, אידע־
לאָך, עס קאָסט שוין גאַרניט.

עס איז ווירקליך אַ קלאָג, אַ גרויסער, וואָס אונזערע על־
טערען, די גוטע מענשען, די בעלי צדקה, זיינען ניטאָ יעצט מיט
אונז אויף דער וועלט. הצדיק אבד!

# דרשה ט

## פרורים לפסח ולצדקה

(מ"ש ערבי פסחים) רבן גמליאל היה אומר וכו' **מרור זה שאנו אוכלים עש"מ ? על שום שמררו המצריים את חיי אבותינו שנאמ' וימררו את חייהם.**

אייגענטליך האָבען מיר דאָ אַ קשיה. דער מרור ווערט גע־זאָגט צום לעצט, און עס האָט דאָך געדאַרפט געזאָגט ווערען פריהער, פאַר דעם וואָרט פסח, און מצה. ווייל די ביטערניש האָט דאָך נעבאך דאָס אידישע פאָלק געליטען פריהער, איידער זיי האָבען געגעסען דעם ק"פ און די מצה. נאָר דער ענטפער איז פשוט ! ר"ג האָט דאָ געגעבען אַ וואונק אַז דער מענש זאָל זעהען די צוקונפט פון יעדער זאַך, אַז אין די ביטערניש איז שוין געווען די גאולה, אַז די ביטערע צייט וועט איבערגעהן שנעל. פסח מיינט איבערשפרינגען. מצה, עס וועט אַזוי שנעל איבערגעהן ווי שנעל די מצה ווערט געבאַקען. די מצה ווערט געֿרעדעלט—אַזוי טרעטען די אַנטיסעמיטען אויף דעם אידישען פאָלק. דריי זאַכען שטעלט פאַר די מצה : די מעהל—דאָס איז עפר. די וואַסער — דאָס איז דער יסוד מים. און אש — דאָס איז וואָס עס באַקט די מצה. עפר, אש, מים—אָבער דער פיערטער יסוד—רוח, די גאוה, די אויפגעבלאָזענקייט — דאָס טאָר ניט זיין אין מצה.

דער בעש"ט האָט זיך אַמאָהל באַקלאָגט אַז עס איז איהם שווער צו אָטעמען. די לופט אין שוהל איז זעהר ענג. האָבען די מתפללים זיך געוואונדערט : סטייטש, די שוהל איז אַזוי גרויס, און עס איז דאָ אַ קליינער עולם. פאַרשטעהט, רבותי ! האָט דער בעש"ט געזאָגט, אַז די עטליכע אידען דאָ האַלטען זיך פאַר גרויסע און ג' האָט דאָך ניט ליב קיין גאות, איז די אַלע תפלות

זייערע ניט ארויף אין הימעל און זיי זיינען געבליבען דא פון אונטען אין שוהל. איז דא ממש דערשטיקט צו ווערען פון ענג־שאפט.

יעצט פארשטעה איך שוין פארוואס מען דארף אזוי פיעל שוהלען. אין א געוויסען געגענד אין ברוקלין זיינען דא צעהן שוהלען און אין אלע צעהן שוהלען צוזאמען איז דא איין (1) מנין. אז מען דארף האבען א מנין צום דאווענען, בייט מען זיך. איין טאג דאווענט מען אין דער שוהל, און דעם אנדערען טאג אין דער צווייטער שוהל.

ווען אידען וואלטען פארשטאנען דא די משנה אין ערבי פסחים, וואלטען זיי ניט געווען גרוים ביי זיך. ר״ג זאגט : פסח דארף מען זאגען די ערשטע זאך, ווייל די וועלט איז א —— .PASSOVER

די התפעלות איז וואס מענשען זיינען אזוי קארופט, פאר־געסען אז די וועלט איז א שנעלער איבערגאנג, און טהוען ניט קיין צדקה. א גרויסער ת״ח האט גערעדט אין א שוהל, איז דער גבאי פון שוהל געגאנגען קלייבען עטליכע דאלער. האט איין איד געזאגט : איך דארף ניט קיין רב. קדש—איך בין אריין בלויז קדיש זאגען. דער אנדערער האט געזאגט ורחץ—איך בין בלויז אריין וואשען מיינע הענט. א דריטער איד האט געזאגט כרפס—עס איז מיר אליין ביטער, איך בין אויך אן ארימאן. א פיערטער האט געזאגט יחץ—איך בין אויך א רב, און איך וויל האלב פון די געלט. אט אזוי זאגען זיי אפ די גאנצע הגדה אין א חמצ׳דיגען אווענד.

עס ווענדעט זיך אבער ווי זיי זאגען די הגדה, און ווי זיי פארשטעהען עס. אמאהל גראדע האב איך באמערקט אין א שוהל אז מען האט געהאלפען מיט א היבשע פאר דאלער אן ארימען ת״ח. דער גבאי האט געזאגט אז דער ת״ח איז א תם.

סטייטש, האט איינער געפרעגט, אויב ער איז א תם'עוואטער, קען ער דאך ניט ניט זיין קיין חכם. האט איהם דער גבאי געזאגט: א חכם איז ער, ווייל לא לחכמים לחם, און א תם איז ער, ווייל תם הכסף, אדער בלע"ז טאם דאברע גדע נאם ניעמא. אט די צוויי קאטעגאריעס תם וחכם זיינען נעבאך ניט גוט.

זעהט איהר, דעם שאינו יודע לשאול איז שוין גראדע גוט. את פתח לו! ווארום פתח לו? דאס מיינט מען די קינדער וואס דער גאנצער סדר אהרט זיי ניט, נאר זיי ווילען עסען, דארף מען זיי עפענען דעם מויל און אריינגיסען זופ מיט קניידלאך. עס איז דאך נעבאך א רחמנות אויף זיי. זיי זיינען דאך מאבד א"ע לדעת. זיי פארלירען זיך פון דער וויסענשאפט — תבן אין נתן לעבדיך, ולבנים אומרים לנו עשו! ווען זיי זיינען יונג, האבען זיי ניט קיין תבונה, קיין פארשטאנד. ולבנים—ווען זיי ווערען אלט, דאן איז שוין ר"ל שפעט, ווייל דער גאנצער מענשליכער לעבען לויפט דורך שנעל ווי א פסח.

עס מאכט מיך צום שמייכלען ווען איך דערמאהן זיך אין פאלגענדעס: א מיידעל זאגט צו א באי, דו ווילסט הייראטען? אין גאנצען פארדינסטו דאך 30 דאלער א מאנאט. זארג זיך ניט מיין טייערע, האט דער באי געענטפערט, ווען מען האט זיך ליב, געהט דער מאנאט שנעל אוועק.

דער מענש זאל עס באטראכטען און טהאן צדקה.

די האלבע מצה פון אפיקומן דארף אונז לערנען אז מען זאל אפברעכען א האלבען ברויט צום ארימאן, וועט מען קענען ליגען רוהיג אויף דעם אייביגען קישען איבער הונדערט יאהר. דערפאר זאגט מען צפון, באהאלט א מצוה אין סייף.

# דרשה י

## אַ דרשה וואו עס געפינט זיך אַלעס

כי סר לראות! מרע"ה האָט געוואָלט זעהן, פאַרשטעהן די געטליכקייט, אָבער ווען עס איז געקומען צום עיקר, האָט ער ניט געקענט, און ער האָט פאַרשטעלט זיין פנים.

דער מענש קען פאַרשטעהן אַלע חכמות, אָבער ניט די חכמה פון געטליכקייט.

מיר זעהען ווי די רשעים ברענען די גוטע מענשען, אָבער זיי קענען זיי קיינמאָהל ניט פאַרברענען. דער קערפּער ווערט פאַרברענט, אָבער דער אידעאַל בלייבט און לעבט אויף נאָך שטאַרקער.

אַלע גרופּעס: די רעפאָרמער, די אָרטאָדאָקסען, די קאָנ־סערוואַטיווען — אַלע זעהען דעם זעלבען וואונדער פון גאָט. אַלע ווילען פאַרשען די ערשטע סיבה פון דער וועלט באַשאַפונג. אַלע גרופּעס דענקען אַז זיי ווייסען בעסער ווי צו פיהרען די מענשהייט.

אָט דעם געדאַנק האָט מרע"ה געזוכט צו אויספאָרשען. וינהג את הצאן אחר המדבר, ער האָט געוואָלט וויסען וואָס פאַר אַ לעהרע ער זאָל דער וועלט געבען, ווי אַזוי מען פיהרט אָט די ריידענדיגע שאָף — את הצאן — אחר המדבר. מדבר וועלען מיר טייטשען ריידען.

ויבא אל הר הא־ל־קים חרבה. ער האָט חרוב געמאַכט זיינע קערפּערליכע פאַרגעניגענס, אָבער דעם גרעסטען עיקר איז ער דאָך ניט דערגאַנגען.

של נעליך—אַז מען שטאַרבט, ווען מען טהוט זיך אויס

פון גוף — דאן פיעלייכט זעהט מען עפעס.

טא וואס-זשע איז טאקע דער אונטערשיד פון רעפארם ביז ארטאדאקסיע ? וועל איך אייך דערציילען אן עפיזאד.

אין אויבער-עסטרייך איז געוועזען א חזן, זעהר א גרויסער מנגן, א קינסטלער, אבער א פרייער מענש. מען האט איהם געזעהן עסען פאר׳ן דאווענען, אבער מען האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג. מען האט איהם געזעהן איינמאהל עסען חזיר, און דאך האט מען געשוויגען. אבער ווען מען האט איהם געטראפען עסען יום כפור, האט מען שוין מעהר ניט געקענט איהם דולדען, און מען האט איהם ארויסגעטריבען.

א גרויסער טאלאנט ווערט ניט פארפאלען.

ער האט געקראגען א שטעלע אין א רעפארמער קהילה.

האבען די ראשי הקהל פון דער ארטאדאקסישער קהילה געשריבען צו די רעפארמער אז זיי זאלען וויסען אז דער חזן עסט פאר׳ן דאווענען, עסט אפילו חזיר און יו״כ אויך. זיי האבען געמאכט א גרויסען טעות וואס זיי האלטען איהם אלס א שליח צבור.

האבען די רעפארמער געענטפערט אז דעם טעות האבען זיי ניט געמאכט וואס זיי האלטען איהם, נאר פארקערט, זיי האבען געמאכט א גרויסען טעות וואס זיי האבען איהם אוועק-געשיקט, ווייל די אלע דריי זאכען שאדען ניט צו דער שטימע, גאר ניט ! אזוי זאגען די מעדיצינער.

נאך מיין מיינונג מאכען די רעפארמער דעם גרעסטען טעות. איהר ווייסט מיט וואס ? דערמיט וואס זיי זיינען צופיעל גע-דולדיג.

די אידען אין מצרים זיינען שוין געוועזען אזוי געדולדיג

צום גלות, אז אין דעם איז געווען די צרה. אט דאס זאגט די תורה באלד אין דער סדרה וארא: „המוציא אתכם מתחת סבלת מצרים", זיי האבען שוין געהאט צופיעל סבלנות, אזוי ווי געבארענע שקלאפען ר"ל. גאט וויל פרייהייט פאר אלע מענשען.

דערפאר דערמאנען מיר ביי אלע מצות, יציאת מצרים, פסח, סוכות, וכו'. ביי א פדיון הבן גיט מען דעם כהן (5) שקלים ווייל שקל מיינט אין ר"ת: שכבך, קומך, לכתך — ליגענדיג, געהענדיג און שטעהענדיג. אימער דארף דער איד געדענקען אז גאט האט איהם באפרייט און ער דארף שטרעבען צו פרייהייט.

אויף פ' שקלים זאגען די חז"ל: הראה למשה מטבע של אש. ווייל פייער רוהט ניט, אזוי דארף דאס אידישע פאלק מיט'ן פולען ברען און ליכט באלייכטען די מענשהייט.

נאר א מצטער איז פטור מן הסוכה, ווייל די תורה זאגט. בסוכות הושבתי. צו סוכה דארף מען ישוב הדעת, במקום סכנה וצער ר"ל, אזוי ווי היינט אין געוויסע אומשטענדען, איז בעסער אז מען לערענט ניט אזא מענשהייט, וואס וויל ניט לערנען, דעם גייסט פון פרייהייט.

---

## יא.

## א דרשה אויף אלע שמחות

„ותאמר מילדי העברים זה".

רבותי! יעדער איינער קען דאך פארשטעהן אז דאס איז א אידישער קינד, מסתמא האט עס א אידישע מאמע געוואלט ראטעווען פון די מערדער. טא וואס האט דא פרעה'ס טאכטער געזאגט אזא גרויסע חכמה וואס די תורה האט עס געהאט נויטיג צו שרייבען. יע רבותי! דא איז פאראן וואס צו לערנען פון די ווערטער.



Morris Jacobs,
1243 S. W. 6th St.
Miami 35, Florida

זי האָט געזאָגט: מיין קינד! דיין איינציגער פארברעכען פאַרוואָס מען וויל דיך הרג'ענען איז בלויז ווייל דו ביזט אַ איד, אָבער דו ביזט דאָך אַן אומשולדיג קינד, אזוי ווי דיין גאַנץ פאָלק ווערט אויסגעהרג'עט און פארפאָלגט אומזיסט.

דער מדרש זאָגט אז ווען מרע"ה האָט געזעהן ווי דער בוים ברענט מיט אַלע פייערן, שוואַרצע און ווייסע און רויטע פייערן, א. ז. וו., האָט ער זיך געוואונדערט וואָס ער ווערט נים פאַרברענט. אין דער אמת'ן איז שווער צו פארשטעהן אזא מדרש. נו, און ווען ער ברענט מיט אַ געוועהנליכען פייער, איז דען נים קיין וואונדער וואָס ער ווערט ניט פארברענט? נאָר דער מדרש מיינט די שוואַרצע העמדלעך, די פאַשיסטען, דער שוואַרצער פייער ברענט דעם אידישען פאָלק, און דער רויטער ברענט איהם אויך, און אַלע פייערן ברענען איהם. עס איז ווירקליך אַ וואונדער וואָס ער בלייבט דאָך ניט פארברענט — איז דער ענטפער: **מילדי העברים.**

מס' מעילה י"ז: די אמאָליגע רשעים האָבען גוזר געווען אויף שבת, מילה און נדה. שמן ר"ת: שבת, מילה, נדה — קיין גזרות האָט ניט געפעהלט, שמן על ראשך לא יחסר. מיר האָבען זיך מפקיר געוועזען אויף דער מצוה פון ברית, ר"ת. **ב**ן **ר**ך ילמוד **ת**ורה. מילה, ר"ת: **י**תברכו **ה**קרואים **ל**כאן **מ**מרום.

דאָס קינד איז יעצט מילדי העברים, ווייל ער האָט שוין באַצאָהלט זיין איינטריט געלד אין דעם גרויסען פאָלק: יודעני-טהום. דמים תרתי משמע, ער האָט באַצאָהלט מיט אמת'ע דמים. און חאָטש ער האָט שוין געבלוטיגט ווייל ער איז אַ איד, דאָך וועט ער זיין אַ געזונדטער גוטער איד, ווייל מילה איז ר"ת: **ה**נמול **ל**שמנה **י**חיה **מ**אה.

און אזוי ווי מיר פרעהען זיך יעצט, **ברנה יקצורו**, אזוי

וועלען מיר, מיט גאָט'ס הילף, זיך פרעהען ביי זיין בר מצוה, יבא ברנה, **יבא** גימ"ט י"ג (13).

עס מאַכט מיך צום שמייכלען ווען איך דערמאַן זיך אין פאָלגענדען עפּיזאָד: אַ פילאַנטראָפּ האָט געפּראַוועט דריי טעג נאָכאַנאַד סעודות ווען ער האָט חתונה געמאַכט זיין בת יחידה. איין טאָג פאַר אַלע קרובים, דעם אַנדערן טאָג פאַר די פּרושים, און דעם דריטען טאָג פאַר די אָרימעלייט. דער אויפזעהער האָט באַמערקט צווישען די געסט איינעם וואָס ער איז געקומען צו אַלע דריי מאָהלצייטען. סטייטש, היתכן, האָט דער אויפזעהער געזאָגט צום גאַסט, דענקט איהר ניט אַז איהר קומט דאָ צו אָפט? חו"ש, האָט דער אורח געענטפערט, איך בין דאָ געלאַדען געוואָרען אַלע דריי מאָהל, ווייל איך בין אַ קרוב, אַ פּרוש, און אַן אָרימאַן. אַזוי רבותי איז אונזער יעצטיגער רעדנער וד"ל, ער דאַרף די פאַר דאָלער.

צום פאָטער פון קינד וויל איך זאָגען: עס איז דאָ אַ פּסוק אין משלי: עטרת זקנים בני בנים, ותפארת בנים אבותם. דער פּסוק איז ניט פאַרשטענדליך. אַ קרוין פון אַלטע מענשען זיינען אייניקלאַך, און די שעהנקייט פון די קינדער זיינען די עלטערען.

נאָר דער פּשט איז אַזוי: ווען אַ מענש האָט ניט קיין קינדער, און ווייס ניט פון דעם צער גדול בנים, פאַרשטעהט ער ניט ווי צו שעצען זיינע עלטערען וואָס האָבען זיך אַזוי מפקיר געוועזען פאַר איהם.

אָבער ווען עס איז שוין אבותם, זיי ווערען אַליין טאַטעס און מאַמעס, דאַן ווייסען זיי אַז מען דאַרף שעצען די עלטערען און האַלטען דעם זיידען, דעם אַלטען טאַטען מיט דער מאַמען, ווי אַ קרוין. פּראַקטיקע איז דער בעסטער רבי.

# דרשה יב

## להפטרה ישעיה סי׳ כ״ז

כי לא עם בינות הוא וכו׳. ישעיה הנביא קלאגט אויף די מענשען וואס פארשטעהען ניט.

צו א גרויסען געלעהרנטען איז געקומען איין אגענט און איהם פארגעשלאגען ער זאל זיך אינשורען אין צעהן טויזענד דאלער. האט דער געלעהרנטער זיך צואויינט. „היינט ביי מיין לעבען בין איך ניט ווערטה קיין איין (1) סענט פאר דער וועלט, און נאך מיין טויט וועל איך ווערטה זיין צעהן טויזענטער!"

א אונוויסענדע וועלט! דער געלעהרענטער האט ניט קיין ווערטה.

א רייכער איד, א קארגער, פרעגט זיין ארימען ברודער: ווי קומסטו עפעס יעצט, אין אזא הייסען טאג, אהער?

מיין ברודער! איך בין זיך געקומען אפקיהלען ביי דיין קאלט הארץ! האט דער ארימער געזאגט.

גלתה יהודה מעני—יהודה איז אין גלות ווייל זיי האבען ניט קיין רחמנות אויפ׳ן ארימאן.

יברכך ד׳ וישמרך—יברכך זה ממון, וישמרך מן המזיקין (במד׳). רש״י יברכך שיתברכו נכסיך, וישמרך שלא יבואו עליך שודדים. שודדים היינו מזיקין.

ווארום איז די ברכה אז ער זאל זיין אויסגעהיט פון מזיקין באלד נאך דער ברכה וואס ער ווערט געבענטשט מיט ממון? דער ענטפער איז פשוט: ווייל דער זאטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען, און קיין עזות פעהלט דאך איהם אויך ניט, ווייל עשיר יענה עזות, דארף מען דעם רייכען בענשען אז אזוי ווי

ער ווערט געבענשט מיט ממון, זאָל איהם גאָט היטען אז ער זאָל ניט ווערען קיין מזיק. ער זאָל ניט זיין אזוי ווי ישעיה הנביא זאָגט: כי לא עם בינות הוא וכו׳.

לעולם יהא אדם—איי-ביק! זיי אַ מענש, בריקע ניט און שטעך ניט!

וישם לך שלום—דער שלום זאָל בעלאַנגגען צו דיר, ד״ה אז דו ווערסט ווערלען עם זאָל זיין שלום, וועט זיין טאַקע שלום.

ניט ווי דהעמ״ה האָט געזאָגט אז ער וויל שלום און זיי ווילען גאָר מלחמה — אני שלום וכי אדבר המה למלחמה, ד״ה מען פאַרשטעהט ניט איינער דעם אַנדערען.

ביי דער מענשהייט איז ניטאָ קיין שלום ווייל איינער וויל אַרויסכאַפּען ביים צווייטען די פרנסה.

אָט טאַקע דערפאַר איז ביי עושה שלום לאָזט מען קיינעם ניט דורכגעהן, ווייל ביי שמנה עשרה האָט ער אין זינען גוטע געשעפטען, וויל ער ניט מען זאָל עס ביי איהם אויסכאַפּען.

בינה מיינט פאַרשטעהן די יעניגע זאַכען וועלכע קוקען אוים ניט לאָגיש. צב״ש, ראובן וויל ראַטעווען יוסף׳ן, הייסט ער מען זאָל איהם אַריינוואַרפען אין אַ גרוב פון שלאַנגען. טאָ וואָס-זשע איז דאָס פאַר אַ ראַטעווען? דער ענטפער איז, כדי יוסף זאָל זיך ניט בעטען ביי די ברידער נאָר ביי גאָט אַליין, ווייל דער גרעסטער צדיק קען זיך פאַרלירען אונטער אַזוינע אומשטענדען, און ער בעט זיך דאַן ביי דעם מענשען וואָס וויל איהם הרג׳ענען. אָבער אין דער אמת׳ן דאַרף ער שרייען און בעטען צו גאָט, ווייל אַלעס איז דאָך פון גאָט. והיה כי יצעק אלי, זאָגט גאָט, וועל איך איהם העלפען. דערפאַר איז והיה לשון שמחה.

עס איז שווער צו פאַרשטיין וואָרום יצחק האָט ליב עשו׳ן,

און וויל איהם בענשען מעהר פון יעקב׳ן. און דאך, אז ער האט זיך דערוואוסט אז יעקב האט אויסגענארט די ברכות, זאגט ער גם ברוך יהיה.

דער ענטפער איז פשוט. יצחק זעהט אז עשו איז א מענש פון דער וועלט, און דאך איז ער נאך פאראינטערעסירט צו פרעגען ווי אזוי מען שיידעט אפ מעשר פון שטרוי און זאלץ, קריגט ער צו איהם א געפיהל פון ליבע. אבער יעקב׳ן באוואונדערט ער ניט, ווייל ער איז דאך א תם, ניט קיין וועלט מענש. ממילא דארף ער דאך זיין אן עהרליכער.

אבער אין דער ענדע, אז ער זעהט אז יעקב קען אויך זיין א שווינדלער, און דאך איז ער א איד און וויל ברכות, דאן באשטעטיגט יצחק די ברכות און זאגט „גם״, ער איז אויך א חברה־מאן, און דאך א איד. ברוך יהיה! זאל ער זיין געבענשט.

דאס מיינט בינה — מען דארף פארשטעהן.

עס האט אמאהל א איד געפרעגט א בר מצוה בחור׳ל: ווארום לייגסטו ניט קיין תפילין? מיין טאטע האט מיר געזאגט איך זאל זיך ניט מישען אין קיין מחלוקת, האט דער בחור׳ל געענטפערט, און ביי תפילין איז דא א מחלוקת פון רש״י מיט ר״ת.

אזוי האט דער בחור׳ל פארשטאנען נעביך.

דער גרויסער רבי זושא איז אמאהל דורכגעפאהרען א שטאדט אלס אן ארימאן. האט ער געבעטען ביי דעם גבאי של צדקה ער זאל איהם לאזען ביי זיך נעכטיגען. האט דער גבאי אנגעשריען אויף איהם, און איהם געהייסען געהן אין הקדש. אין א צייט שפעטער איז ר׳ זושא געקומען אין יענער שטאדט מיט א גרויסער צאהל חסידים, און מיט א גוטע קארעטע מיט א סך פערד. אלע האבען איהם אפגעגעבען פיעל כבוד. דער

גבאי האָט איהם ניט דערקענט און ער האָט איהם געבעטען ער זאָל זיין ביי איהם אין הויז. האָט ר׳ זושא געשיקט די פערד צום גבאי. דער גבאי האָט דאָס ניט געקענט פאַרשטיין. סטייטש, רבי, איך וויל דאָך אייך און ניט די פערד. פאַרשטעהסט, מיין טייערער איד, האָט דער רבי צו איהם געזאָגט, אַז ווען איך בין דאָ אַמאָהל געוועזען אָן אַ קאַרעטע און אָן פערד, האָסטו דאָך מיך ניט געוואָלט לאָזען נעכטיגען. דיין רעספּעקט איז דאָך פאַר מיינע פערד.

אָט דאָס זאָגט דער נביא: עם לא בינות — אַ פאָלק וואָס פאַרשטעהט ניט.

רבותי! פאַרוואָס זאָגט די תורה ושמרו בני ישראל את השבת, מען זאָל היטען שבת. וואָס מיינט עס היטען? די תורה האָט דאָך בלויז געדאַרפט זאָגען מען זאָל ניט אַרבייטען שבת.

דער ענטפער איז פשוט: אַ וועכטער שלאָפט ניט! און אַזוי דאַרף יעדער איד ניט אָפּשלאָפען דעם שבת, נאָר לערנען און פאַרשטעהן.

---

## פ ר ו ר י ם

א) את יעקב איש וביתו באו. דער וואָרט „את" ווערט דאָך אַלעמאָהל געדרשנ׳ט אין דער גמ׳, טאָ וואָס וועלען מיר דרש׳נען דאָ אויף דעם את?

גאַנץ פשוט. דאָ איז פאַר אונז אַ פראַגע: ווארום האָט גאָט געדאַרפט גורם זיין אַזאַ שרעקליכען פאַרברעכען, דורך די הייליגע צדיקים, יעקב׳ס קינדער, אַז זיי זאָלען פאַרקויפען יוסף׳ן. וועט איהר דאָך געווים ענטפערען ווייל ווען ניט וואָלט יעקב געוועזען מוזען אַראָפּגעהן אין מצרים געשמידט אין קייטען. עתיד היה י׳ לרדת בשלשלאות של ברזל (מס׳ שבת). אָבער דאָך ווארום האָט גאָט ניט געמאַכט איין אַנדערע סיבה צו ברייגגען

יעקב'ן מיט די קינדער אין מצרים? ווארום דארפען די שבטים טהאָן אַזאַ זאַך? הא אין הקב"ה מביא תקלה אפילו ע"י בהמתן של צדיקים.

נאָר די שבטים האָבען געזינדיגט מיט זייער מחשבה, ויתנכלו אתו להמיתו. אַט דאָס איז דער פשט אין ויחי, ואתם חשבתם עלי רעה. יוסף האָט געדאַרפט זאָגען אתם עשיתם לי רעה. נאָר דערפאַר ווייל זיי האָבען געטראַכט איהם צו טהאָן שלעכטס האָט זייער מחשבה גורם געוועזען צו טהאָן שלעכטס.

די תורה זאָגט: לא תטור, דו זאָלסט ניט האַלטען אין גע־דאַנק קיין שלעכטס אויף דיין חבר־מענש.

די שבטים זיינען געקומען אַהן קייטען אין מצרים, האָטש זיי האָבען ניט זוכה געוועזען צוליב זייער שלעכטע מחשבה, נאָר אין דעם זכות פון יעקב'ן — את יעקב איש וביתו באו. „את יעקב" מיינט בזכות יעקב.

ב) וימררו את חייהם. דער טראָפּ איז אקדמא ואזלא, דער טייטש פון קדמא ואזלא איז געה אַרוים פריהער. דערפאַר ווייל מען האָט פאַרביטערט דעם אידישען לעבען, דערפאַר זיי־נען זיי אַרוים פריהער פון גלות. עס איז אַ התפעלות אַז זיי זיינען אַרוים פונקט מיט אַזוי פיעל יאָהר פריהער וויפיעל די צוויי ווערטער קדמא ואזלא באַטרעפט; דאָס הייסט אין גימ"ט 190. עס איז אויך כדאי צו באַמערקען אַז קדמא ואזלא איז אין גימ"ט קץ, דאָס הייסט, דער וימררו את חייהם האָט געבראַכט דעם קץ צום גלות. מקצת דברי הגר"א ונופך משלי.

ג) מכה איש עברי מאחיו. דער אומגליק איז וואָס איין אַנטיסע־מיט שלאָגט אַ אידען, ווען אַ סך אידען ברידער זעהען עס און שווייגען. מאחיו—צווישען אַ סאַך ברידער.

ד) ותאמרן איש מצרי הצילנו מיד הרעים. זיי האָבען געזאָגט אַ נבואה, ניט וויסענדיג אַליין וואָס זיי זאָגען. דורך דעם

וואָס מרע"ה האָט דערשלאָגען דעם מצרי איז ער געקומען אהער און דערווייל זיי געראַטעוועט. הייסט עס אַז דער טויטער מצרי האָט זיי געראַטעוועט.

און אַזוי איז דאָ אַ רש"י אין וישלח, ויצר לו אם יהרוג הוא את אחרים. קענען מיר זאָגען אַז אחרים מיינט מען דעם הייליגען תנא ר' מאיר, וועלכען די גמ' רופט אָן אחרים על שם רבו, און ער איז א־בן גרים. אַז ניט, טאָ וואָס דאַרף רש"י זאָגען אחרים? עס איז גענוג יהרוג.

קען אַ פּראָסטער מענש וויסען וואָס גוט איז, אין דעם צוועק פון יעדער זאַך.

אַז דורך דעם טויט פון מצרי ווערען מענשען געראַטעוועט, און דורך אַ פליג וואָס איז אַריינגעפאַלען אין אַ גלאָז ווין, איז געשפּייזט געוואָרען אַ וועלט!

ה) וימת מלך מצרים ויאנחו בני ישראל. פאַרשטעה איך ניט פאַרוואָס אידען האָבען געזיפצט אַז דער רשע איז געשטאָרבען. נאָר דער ענטפער איז פשוט: דער רשע האָט געצוואונגען אַז מען זאָל זאָגען אַז עס איז אַלעם גוט. אָט דאָס מיינט בפרך —בפה רך. ער האָט געמוטשעט דאָס פאָלק, אָבער מען האָט ניט געטאָרט שרייבען אָדער זאָגען אַז עס איז שלעכט, נאָר מען האָט נאָך געשריען: עס לעבע דער קעניג, הוראה פאַר זיין גוטסקייט. מיט גוטע רייד, דאָס מיינט פה רך!

אָבער אַז ער איז געשטאָרבען האָט מען חאָטש זיך געקענט גוט אויסוויינען און אויסזיפצען, איז געוואָרען לייכטער אויפ'ן האַרצען. די מצריים האָבען געמיינט אַז דאָס וויינט מען אויף זיין טויט, אָבער דאָס פאָלק האָט געוויינט וואָס ער איז פריהער ניט געשטאָרבען. איך האָב אַמאָהל געמוזט זאָגען אַ הספד אַזאַ אויף אַ רשע, האָב איך געזאָגט ער איז געווען אַ פיינער מענש —ער איז געשטאָרבען.



Morris Jacobs,
1243 S. W. 6th St.
Miami 35, Florida

ו) גאָט האָט זיך געצייגט צו משה'ן דורך אַ דאָרן. אַט דאָס

איז געווען אַן אָנדייטונג אַז דאָס אידישע פאָלק שטעכט אוים די אַנטיסעמיטען די אויגען, אַזוי ווי רש"י זאָגט: ויקצו, כקוצים היו בעיניהם.

ז) ויסתר משה פניו. (ברכות ז') ר' יהושע בן קרחה, כשרציתי לא רצית, עכשיו אתה רוצה ואיני רוצה.

אין דער סדרה תשא זאָגט די תורה, לא תוכל לראות את פני, און דאָ האָט גאָט זיך געוואָלט אַנטפּלעקען צו משה'ן, האָט מרע"ה פאַרדעקט דעם פנים. מעגליך אַז אַט דאָס ווערט דאָ אין דער גמ' אויסגעשפּראָכען. ווען דו, משה, ביזט געווען איין עניו און דו האָסט ניט געהאָט דעם מוטה צו זעהען די געטליכ־קייט, דאַן ביזטו גראָדע געווען ראוי צו דעם. אָבער יעצט, אַז דו האָסט אַזוי פיעל מוטה און דו זאָגסט, הראני נא את כבדך, ביזטו ניט ראוי צו דעם — עכשיו אתה רוצה ואיני רוצה.

ח) ואת צעקתם שמעתי מפני נגשיו, כי ידעתי את מכאביו.

די ווערטער כי ידעתי קוקען דאָ אוים צו זיין איבעריג.

וואָלט איך אַזוי געטייטשט: גאָט זאָגט, דער אומגליק איז וואָס זיי שרייען ניט צו מיר, נאָר זיי שרייען צו די אונטערדריי־קער, מפני נגשיו. אין משפטים זאָגט די תורה, והיה כי יצעק אלי. והיה איז דאָך אַ לשון שמחה, טאָ ווי קומט שמחה צו שרייען? נאָר אַז ער שרייט צו מיר, דאָס איז גוט, דאַן וועט זיין פרעהליך, זאָגט גאָט, ווייל איך וועל איהם העלפען.

דערמיט ווען מיר פאַרשטעהן דעם פסוק: ד' חפץ למען צדקו, יגדיל תורה ויאדיר. אַ איד פרעגט אַ יונגען מאַן, וואָרום קומט איהר ניט דאַווגען? מיין פאָטער וויל ניט איך זאָל דאַוו־נען, האָט דער יונגערמאַן געענטפערט. ס'טייטש, ווי קען עס מעגליך זיין? געוויס, האָט דער יונגערמאַן געזאָגט, מיין פאָ־טער האָט פאַרשלאָסען ביי זיך מיין טלית און תפילין.

זאָג מיר דעם אמת, האָט דער איד געזאָגט, און איידער ער האָט עם פארשלאָסען, האָסטו יע געדאַווענט? ניין, האָט דער יונגערמאַן געענטפערט. שוטה, דערפאַר האָט ער דאָך עם פאר-שלאָסען.

אָט דאָס זעלבע זאָגען זיי: ד׳ חפץ למען צדקו, יגדיל תורה ויאדיר. אויב גאָט וויל אַז מען זאָל לערנען די תורה, טאָ ווארום האָט ער אונז פארטריבען צווישען די אַנטיסעמיטען?

זיי פארגעסען אָבער אַז פריהער האָבען זיי אויך ניט גע-וואָלט לערנען.

אָט דאָס איז דער פשט: כי ידעתי את מכאביו, אַז ער האָט פריער אויך ניט געוואָלט דאַוונען.



## וארא — דרשה א

## ליום הדין

הן בני ישראל לא שמעו אלי, ואיך ישמעני פרעה, ואני ערל שפתים.

אייגענטליך איז דאָ אַ קשיה. דאָס אידישע פאָלק האָט ניט געהערט ווייל זיי האָבען נעבאך ניט קיין צייט געהאַט צו הערען. זיי האָבען ניט קיין צייט געהאַט אפילו צו אָטעמען. ווי די תורה זאָגט: מקצר רוח ומעבדה קשה. אָבער פרעה וועט געוויס הערען.

נאָר דער ענטפער איז פשוט: דאָס אידישע פאָלק ווייסט אַז דער וואָס זאָגט דעם אמת דאַרף ניט געברויכען קיין רעדנער קראַפט. תורת אמת נתן לעמו אל, ע״י נביאו נאמן ביתו. חאָטש ער איז ניט געוועזען קיין גרויסער רעדנער.

אַ מגיד האָט אַמאָהל געזאָגט: האמנתי כי אדבר, איהר מעגט מיר גלויבען אַז איך קען ריידען, אָבער אני אמרתי בחפזי, איך זעה דאָך אַז איהר איילט זיך צו געהן אַהיים.

די אידען אין מצרים האָבען געדאַרפט זעהען אין דעם וואָס משה איז ניט קיין רעדנער אַ סימן אַז משה זאָגט אמת׳ע ווערטער אַז ער איז געשיקט פון גאָט זיי צו באַפרייען, און דאָך האָבען זיי זיך ניט צוגעהערט צו איהם. ק״ו מכ״ש ווי וועט שוין פרעה הערען אַז „ואני ערל שפתים״.

דערפאַר רבותי! חאָטש איך בין ניט קיין רעדנער, וויל איך צו אייך זאָגען „ראה שופטים״, היינט זעהט איהר, איז דער יום המשפט.

דבר אל בני ישראל וישבו ויחנו לפני פי החירות. טהוט תשובה אידען! און רוהט מיט׳ן פרייען מויל. „וישבו״ פון דעם „פי החירות״, גיט אַכטונג וואָס איהר רעדט, לאָזט ניט דעם

מויל פריי אויף הפקר. זאָגט וואָס מען דאַרף זאָגן, זאָגט צו אַז איהר וועט רחמנות האָבען אויף'ן עלענדען, קראַנקען און נויטליידענדען.

ווארום זאָגען מיר „עלה א-ל־קים בתרועה, ד' בקול שופר". ביי דעם וואָרט תרועה—א־ל־קים; און ביי שופר—ד'.

„תרועה", מיינע פריינדע, איז צובראָכענע קלאַנגען, שברים תרועה. ווען אַ שיף איז אויף'ן שטורעמדיגען ים אין סכנה, דאַן פייפט זי נאָכאַנאַנד, טעהוטו טעהו, טו, טו, העלפט, העלפט! אַזוי זיינען מיר יעצט אין סכנה.

א־ל־קים מיינט די מדת הדין. ווען גאָט משפט די וועלט, דאַן דאַרפען מיר בעטען נאָכאַנאַנד מיט צובראָכענע קולות: העלף רבש"ע, העלף טאַטע! דאַן וועט זיין ד' בקול שופר, וועט גאָט מקדים זיין די מדת הרחמים.

שופר מיינט: שפרו מעשיכם. איהר דאַרפט אָבער פאַר־בעסערען אייער הארץ, רחמנות אויף די אומגליקליכע, עלענדע.

ווען איינער ר"ל איז קראַנק אויף די אויגען אָדער אַזוי מסוכן קראַנק, פיהרט מען פאַרביי דעם קראַנקען'ס אויגען אַ שטראַל ליכט, און אויב דער חולה עפענט די אויגען, איז אַ סימן אַז עס איז נאָך דאָ לעבענס־קראַפט און האָפנונג אַז ער קען נאָך געזונד ווערען. אויב אָבער חו"ש ער עפענט ניט די אויגען איז אַלעס געענדיגט.

רבותי! עפענט אייערע אויגען און זעהט די צרות פון אונזער פאָלק, פון אחב"י, וועלכע זייער בלוט גיסט זיך ווי וואַסער, ד' אורי! דער וואָס איז אַ בעל רחמים אַזוי ווי ד' איז די מדת הרחמים, איז וישעי, וועט ער געהאָלפען ווערען. ואַרא! איז לשון זעהען.

אַט דאָס זאָגט די תורה: הן בני ישראל לא שמעו אלי, אידען הערען ניט, און ווי וועט זיין אַז ישמעני פרעה, אַז פרעה

וועט יאָ הערען, וועט דאָך ר״ל זיין אַ קטרוג, אַז די גוים הערען יאָ צו זייערע רעדנער און אידען חו״ש ניט!

די תורה זאָגט: וירא פרעה כי היתה הרוחה ויכבד את לבו. עס זיינען דאָ אַזוינע מענשען וואָס ווען עס איז זיי שלעכט אָדער זיי זיינען ר״ל קראַנק, זיינען זיי מנדר צדקה. אָבער אַזוי שנעל ווי עס ווערט זיי בעסער, ווערען זיי קאַרג אויף צדקה. אַז „כי היתה הרוחה" איז „ויכבד את לבו". זעהט-זשע, רבותי, טהוט ניט אַזוי, נאָר זייט מנדר און גיט.

---

## בא — דרשה א

## ער עסט אויף זיין אייגען האַרץ

כי אני הכבדתי את לבו!

רבותי! מיר האָבען דאָ אַ גרויסע קשיה. סטייטש! די גמ׳, אין ברכות, זאָגט דאָך: הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים. און דאָ זאָגט די תורה אַז גאָט האָט שווער געמאַכט פרעה׳ס האַרץ.

מיר וועלען עס פאַרשטעהן דורך אַ משל:

דער לייב האָט געשיקט דעם וואָלף ער זאָל איהם ברענגען דאָס האַרץ פון אַ הונט. דער וואָלף האָט צוריסען אַ הונט, אָבער זייענדיג הונגעריג, האָט ער אויפגעגעסען אַליין די האַרץ. ברענגט ער די לעבער צום לייב. סטייטש! דאָס איז דאָך גאָר אַ לעבער האָט דער לייב געברומט. אדוני! דער הונט האָט ניט קיין האַרץ, נאָר אַ לעבער, האָט דער וואָלף געענטפערט.

אַט דאָס זאָגט די תורה: כי אני הכבדתי, כמו כבד פרעה, דער הונט האָט ניט קיין האַרץ, נאָר אַ לעבער. וואָס מעהר מכות ער האָט געקראָגען, אַלץ אַ גרעסערער רשע איז ער געוואָרען. אַזוי ווי אַ לעבער, וואָס מעהר מען באַקט עס, אַלץ האַרטער ווערט עס.

די בירגער פון זיין לאנד האט ער פארשקלאפט אזוי ווי פערד, דערפאר פרעהען מיר זיך וואס דער פערד מיט'ן רייטער זיינען דערטרונקען געווארען אין ים — סוס ורוכבו רמה בים. און לזכרון עסען מיר אזא עסען פסח צום סדר, מרור מיינט אין ענגליש „הארס רעדיש" — א מאכל פון פערד. שקלאפען זיינען ווי פערד.

נאך דעם געדאנק טייטש איך ניט הכבדתי—איך האב שווער געמאכט, נאר „כי אני הכבדתי", איך זעה אז זיין הארץ איז ווי א לעבער. דערפאר וועל איך איהם שטראפען און פייניגען.

די וועלט זאל לערנען א לעסאן פון דעם אז א מענש זאל האבען א גוטע הארץ, ניט קיין לעבער.

„ולמען תספר באזני בנך". ניט ווי א אידענע האט געזאגט אין טייטש חומש: ולמען סאפער, צוליעב דעם סאפער וואס איך דארף צוגרייטען פאר די קינדער, קען איך קיינמאהל ניט קומען צו א מיטינג פון דער לחם עניים. דאס איז פון יענע מענשען וואס דער עסען איז ביי זיי וויכטיגער ווי די הארץ.

„משפטי ד' אמת צדקו יחדיו". ווען גאט משפט די וועלט, זעהט ער אויב דורך דעם וואס ער וועט באשטראפען דעם שול־דיגען וועט חו"ש ניט ליידען איין אונשולדיגער. למשל, ווען מען גיט איינעם טויט שטראף, ליידען דאך זיינע עלטערען, זיין פרוי און קינדער און אלע זיינע פריינד, חאטש זיי זיינען דאך אונשולדיג. גאט, ווען ער באשטראפט, זעהט ער עס זאל זיין צדקו יחדיו, קיין אונשולדיגער זאל ניט ליידען. דאן, ווען ער האט באשטראפט די מצריים זיינען זיי אלע געוועזען שולדיג. קיין אונשולדיגער האט ניט געליטען. דער נביא ירמיה אין סימן י"ז זאגט: אני ד' חקר לב. גאט האט געזעהען אז זיי זיינען אן הערצער.

אט דאס איז דער פשט אין דער גמ' לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום. ווייל ווען א איד האט א

סך פריינד וויל איהם גאָט ניט שטראָפען, ווייל דאָס וואָלט געבראַכט פיעלע אונשולדיגע מענשען צער.

אָט דאָס זאָגט די תורה אין דער סדרה שופטים, „ומי האיש אשר ארש אשה ילך וישב לביתו". ילך וישב—דאָפּעלטע ווערטער. נאָר ילך, ער זאָל אַרומגעהן אַרום זיין כלה, כדי זי זאָל ניט ליידען, זי איז דאָך אַן אונשולדיג מיידעל.

---

# בשלח

## דרשה א — ער באַריהמט זיך מיט זיין פאָטער

זה אלי ואנוהו, א־ל־קי אבי וארממנהו!

די ראשי תבות פון די צוויי ווערטער זה אלי איז: זה השלחן אשר לפני ד', דאָס הייסט, אַ איד דאַרף קענען דינען גאָט מיט'ן עסען. די גמ' זאָגט אין ברכות, „וקורא ק"ש ומתפלל ואוכל פתו ומברך". האָבען מיר דאָ צוויי קשיות: פאַרוואָס זאָגט ניט די גמ' אַז ער דאַרף זאָגען אַ ברכה המוציא בעפאָר ער עסט? די גמ' זאָגט: „ואוכל פתו ומברך". און אויך פאַרוואָס דאַרף די גמ' זאָגען „פתו" וועלכעס מיינט זיין ברויט? ווייזט דאָך אויס, אַז ווען ער עסט ביי יענעם דאַרף ער ניט בענשען.

רבותי! דעם ענטפער צו דעם געפינען מיר אין מס' ברכות דף ל"ה, „ר' לוי רמי כתיב לד' הארץ ומלואה. וכתיב הארץ נתן לב"א. ומשני כאן קדם ברכה, כאן לאחר ברכה". יעצט איז ממילא געענטפערט ביידע קשיות. אַז ער זאָגט אַ ברכה המוציא ווערט עס זיין ברויט. אָט דאָס זאָגט די גמ', ווען ער עסט זאָל ער עסען זיין אייגענע ברויט, „פתו", דאָס הייסט ער זאָל זאָגען המוציא פריהער.

אָט דאָס זאָגט דאָ די תורה: „ולא נחם דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא". די מאָדערנע, וועלכע עסען אָן אַ ברכה, קושען

זיך אין די שוהלען, און טענה'ן אז דאס איז אזוי דער מנהג, זאלט איהר וויסען, רבותי, אז דאס איז דער דרך ארץ וואס איז נאהענט צו די מצריים. עס איז אבער א התפעלות אז די אלע מאדערנע ראבאים זיינען גראדע די קינדער פון רעליגיעזע רבנים אדער אזוי פרומע אידען, און זיי באריהמען זיך מיט דעם יחוס פון זייערע עלטערען.

אט דאס זאגט דער פסוק: זה אלי ואנוהו, אויב דו ביזט אליין א גאטספארכטיגער איז עס שעהן, אבער א־ל־קי אבי, אז דו באריהמסט זיך מיט דיין פאטער איז וארממנהו, איז עס א פוסטע גאוה. אין די מאדערנע שוהלען איז דער אידישער ווארט פארנאכלעסיגט.

עס מאכט מיך צום שמייכלען ווען איך דערמאהן זיך אז איך האב אמאהל געטראפען אין א סאסייעטי א בעל עגלה אלס דעם גאנצען פיהרער פון דער סאסייעטי. סטייטש! ווי ביזטו עס געווארען דא דער פיהרער? גאנץ פשוט! דו זעהסט דאך דא אזוי פיעל פערד, דארפען זיי א בעל עגלה. אט דערפאר זינגען מיר „סוס ורוכבו רמה בים". סוס מיינט מען די מענשליכע פערד און רוכבו מיינט מען די שקלאפען טרייבער.

„ימינך ד' תרעץ אויב". תרעץ—אותיות צרעת, אויב—אותיות איוב. דערפאר וואס איוב האט געשוויגען ווען פרעה האט געזאגט נתחכמה לו, איז ער באשטראפט געווארען מיט צרעת. א מענש דארף פארטיידיגען דעם געפייניגטען.

---

## יתרו

## דרשה א — פאר תקיעות

וכל העם ראים את הקולות ואת הלפידים ואת קול השופר!

רבותי! קולות הערט מען דאך, טא ווארום זאגט די תורה „ראים את הקולות". דער ענטפער איז פשוט: פייערדיגע

אותיות זיינען געפלויגען. גאָט וויל אַז מען זאָל זעהען דאָס וואָס מען זאָגט צו.

יעצט הערען מיר אין שוהל טייערע הבטחות. מען זאָגט צו אַז מען וועט העלפען די אָרימע, די נויטליידענדע. רבותי! איך וואָלט געוואָלט זעהען אַז מען זאָל עס טאַקע ווירקליך אַזוי טהאָן. טהוט ניט אַזוי ווי פסח צום סדר. מען זאָגט „כל דכפין ייתי ויאכל", אָבער די טהיר האַלט מען פעסט פאַרמאַכט. ביים סדר פרעגט מען טאַקע דערפאַר „מה נשתנה", און דער ענטפער איז „עבדים היינו לפרעה". האָבען מיר זיך אָפּגעלע־רענט די מדה פון פרעה'ן, „מה פרעה גוזר ואינו מקיים", אַזוי זאָגען מיר אויך צו און זיינען ניט מקיים.

„לא תשא את שם ד' א־ל־קיך לשוא", הויב ניט אויף גאָט'ס נאָמען צוליב פאַלשקייט, דאָס הייסט, זאָג ניט אַז גאָט איז זעהר הויך און ער זעהט ניט די פאַלשקייט.

די עכו"ם וואָס דינען צו די שטערען און מזלות זאָגען אַז גאָט האָט איבערגעגעבען די וועלט צו די שטערען און מזלות, און גאָט אַליין איז זעהר הויך, „רם על כל גוים ד' על השמים כבודו". ניין רבותי, די שטערען זיינען ניט די פיהרער פון דער וועלט.

עס דערמאָהנט מיך אַן איין אינטערעסאַנטען עפּיזאָד: דער גרעסטער אידישער אַסטראָנאָם איז געקומען נעמען סיטיזען פּייפּערס. פרעגט איהם דער ריכטער וואָרום ער וויל אויס־ביימען זיין געבורט לאַנד אויף די פאַראייניגטע שטאַטען. האָט דער אַסטראָנאָם געצייגט אויפ'ן פלעג און געזאָגט: אַז די שטערען געפעלען איהם בעסער פון אַלע אַנדערע שטערען. די געזעצען פון דעם לאַנד וואו דער פלעג פון די שטערען איז, זיינען אמת'ע, ריכטיגע, ניט ווי אין די לענדער וואָס דאָרטען הערשט דער גער־זעץ.

דאָ איז אַ לאַנד פון רחמנות, יושר און גערעכטיגקייט. די

קאנסטיטושאן, דער העכסטער געזעץ פון לאנד לויטעט: פריי־הייט פון רעליגיע פאר אלע פעלקער. און דערפאר רבותי, דארפען מיר אויפהאלטען די תורה.

ניט ווי איינער האט אמאהל באגעגענט דעם ראבאי פון שוהל שבת, אין דעם ראבאי'ס אנוועזענהייט האט ער געררוי־כערט. ווען ער האט אבער געזאגט צום ראבאי „גוט שבת", האט ער איהם ניט געענטפערט. סטייטש, ראבאי! ווארום ענטפערט איהר מיר ניט, האט דער איד מיט'ן סיגאר אין מויל געפרעגט. פארשטעהסט, מיין פריינד, האט דער ראבאי גע־ענטפערט, איך בין טאקע אויך א היינטיגער, א מאדערנער, אבער א אידען וואס בלאזט אויפ'ן שבת גלייך איך ניט.

זעהט איהר דאך אז שבת גיט אפ כבוד אלע אורחים, „שבת שחל בו יו"ט" זאגט מען די יו"ט'דיגע שמנה עשרה, אבער ר"ה וואס קומט אוים שבת בלאזט מען ניט קיין שופר, ווייל דער שבת האט פיינט אז מען בלאזט אויף איהם.

א יונגערמאן האט געזאגט צו מיר: רבי! איך האב זיך איבערצייגט אז די תורה איז אן אמת'ע. די תורה זאגט כבד את או"א למען יאריכון ימיך. ווען די גרויסע מלחמה איז גע־ווען האב איך געהאט אן אלטען טאטען און מאמען. האט מען מיך באפרייט פון דער שלאכט.

עס טרעפט אמאהל אז אויף איינעם ווערט מקוים די תורה „למען יאריכון ימיך", האטש ער גיט ניט אפ קיין כבוד די עלטערען, נאר פשוט די עלטערען זיינען ביי איהם ווי דערנער אין די אויגען, און יעדער טאג איז ביי איהם א יאהר ר"ל.

## משפטים

### דרשה א — געזעץ דארף ניט מיינען גע הזעץ

„ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם".

רבותי! מיר קענען זאגען די תורה איז דא מרמז אז מצוות

בין אדם לחברו איז פריהער און נויטיגער ווי די מצוות פון בין אדם למקום. אט דערפאר זאגט די תורה לפניהם.

מען דערצעהלט אויפ'ן חפץ חיים זצ"ל, אז ער האט אמאהל געשיקט א טעלעגראמע צו זיין פרוי אז זי זאל ניט ארויסלאזען די בהמה פון שטאל אויף מארגען, ווייל עס איז א מארק טאג, זאל די בהמה חו"ש ניט עסען פון די וועגענער קיין היי. אט דאס איז דער פשט אין דער גמ' נשאת ונתת באמונה. נשאת—די תפלין וואס דו טראגסט אויף זיך, די ציצית, וכו', ונתת—און דו האסט באצאהלט פאר זיי, דארף זיין באמונה—פון דיין אייגענע עהרליכע געלד, ניט פון גזלה, ווייל ובוצע ברך נאץ ד'. דעם אתרוג וואס דו זאגסט אויף איהם פרי עץ הדר, איז ער א הדר ווען ער איז פאר עהרליכע געלד. אויב אבער פון פרעמדע גע'גזל'טע, דאן האלסט דו אין האנד ניט קיין פרי הדר נאר דמים, ווייל דמים תרתי משמע, דאן איז ידיכם דמים מלאו.

די אידישע ריכטער רופען זיך סנהדרין, וועלכעס מיינט סנ הדרין, זיי זאלען ניט אורטיילען צוליעב הדרת פנים נאר דעם אמת זאלען זיי ריכטען, אן חניפה.

עס האט אמאהל איינער אויפגעשריבען „הוי שופטי צדק האמרים במנחה צדקתך צדק". איהר ווייסט וואס דאס מיינט? פאר א פרעזענט (מנחה) פסק'ענען זיי אז דער געבער איז גע־רעכט. יעצט פארשטעהען מיר פארוואס איז סדום חרוב גע־ווארען פונקט ווען לוט איז געווארען דארטען א שופט. רש"י „אותו היום מינוהו שופט עליהם", ווייל לוט האט ניט גענומען קיין כאבאר, האט ער דאך געפסק'נט טאקע ווי דער געזעץ פון סדום איז — אט דאס האט ניט געטויגט! אין א לאנד פון קארופטע געזעצען איז שוין בעסער אז דער שופט איז א ל"ש.

אין אונזער ליב לאנד איז אמאהל געווען א קארופטער

געזעץ—פראָהיבישאָן. איז אָבער געווען די רפואה פאר דער מכה — חברה ל"ש. ווען איך פלעג ווערן יי"ש, פלעג איך זאָגן דגים, ר"ת: דאי גאָרעלקו יעסלי מאָיעש. די קאָרופּטע געזעצן וועלכע עס האָבן עקזיסטירט מיט'ן צוועק צו נעהמען כאבאר דערמאהנט מיך אָן פאָלגענדעס: אַ ליגנער האָט אַמאָהל געזאָגט צו נאָך אַ ליגנער: די געשיכטע וואָס דו האָסט מיר דערצעהלט האָט מיר מיין זיידע דערצעהלט ווען ער איז נאָך געווען אַ קליינע בייבי.

די קאָרופּטע געזעצן זיינען דער גרעסטער ליגען, אָבער די תורה מיט די אַלע משפטים איז אַ תורת אמת.

צום רבי'ן ר' מאיר'ל זצ"ל זיינען געקומען צוויי ישוב'ניקעס וועגען אַ דין תורה. דער רבי האָט געוואָלט מאַכען צווישען זיי אַ פשרה, אָבער פּראָסטע מענשען זיינען זיי, און זיי ווילען דער רבי זאָל צייגען פון חומש אַז מען דאַרף מאַכען אַ פשרה. האָט דער רבי זיי געצייגט ביי דער ענדע פון איין סדרה איז דאָ דריי סמך־ן, און ביי דער ענדע פון איין אַנדערע סדרה איז דאָ דריי פיי־ען. איהר זעהט, זאָגט דער רבי, דאָס מיינט אין ר"ת בלע"ז „סודי סאָם סעבע פלאטי פאָמעניע פאלאָווינא".

„אשרי שומרי משפט עושה צדקה בכל עת".

ביים משפט איז דאָ אַ לשון רבים „שומרי" און ביי צדקה אַ לשון יחיד. ווייל משפט דאַרף מען טהאָן עפענטליך, אַלע זאָלען זיין איבערצייגט אַז עס איז ריכטיג. אָבער ביי צדקה דאַרף מען טהאָן מיט'ן אָרימאַן שטילערהייט, כדי ער זאָל זיך ניט פאַרשעמען. „את העני עמך", בלויז דער געבער מיט'ן אָרימאַן, אונטער פיער אויגען.

# תרומה — דרשה א

## לחכמת התורה ולבר מצוה

במד׳: למה נסמכה פ׳ תרומה לפ׳ משפטים? הה״ד עשיתי משפט וצדק. דהעו״ה האט געטהאן משפט און צדקה צוזאמען. די גמ׳ אין סנהדרין, דף ו׳ ע״ב זאגט אויפ׳ן פסוק ויהי דוד עושה משפט וצדקה (שמואל ב׳). דהעו״ה האט געזעהן אז עפ״י דין איז דער ארימאן שולדיג, האט ער באצאהלט פאר איהם פון זיין געלד. עס זיינען דא אין יעדען דור אזוינע רבנים וועלכע זיינען גוט און קלוג. זיי קעמפען פאר גערעכטיגקייט און אויך פאר צדקה.

ר׳ אייזעלע ז״ל פרעגט אמאהל א גביר, זאגט מיר ר׳ נגיד, וויפיעל מאהל א טאג עסט איהר? פיער מאהל א טאג, ענטפערט דער נגיד. זייט איהר זאט? גאנץ געוויס, ענטפערט דער נגיד. זעהט איהר, מיינע ישיבה בחורים עסען ביי אייך גאנצע טעג און זיינען נעבאך הונגעריג. ר׳ אייזעלע גיט דעם גביר אנצוהערעניש אז ער גיט ניט די ישיבה בחורים קיין עסען.

צו ר׳ אייזעלע קומט אריין יענקיל דער בעל עגלה און זאגט: רבי! איהר ווייסט דאך, איך בין א כהן, מעג איך נעהמען א גרושה? נעהם זי געזונדערהייט, האט ר׳ אייזעלע געענטפערט. סטייטש רבי! פרעגען די דיינים, א גרושה לכהן? נארישע אידען, ער וויל זי בלויז נעהמען אויף זיין פוהר, איהר זעהט דאך אז ער איז אנגעטהאן צום פאהרען און ניט חתונה צו האבען. אויסער דעם וואס א רב דארף קענען לערנען דארף ער דער עיקר זיין א חכם.

תרומה מיינט אפשיידען זיך פון אונוויסענהייט דורך דעם לערנען פון דער תורה, וועלכע איז געגעבען געווארען אין מ׳ יום, אותיות תרומה תורה, מ׳. (מ״ש חמשה לא יתרומו, החרש, והשטה והקטן).

דו בר מצוה בחור, ביזט שוין ניט מעהר קיין קטן. היינט ביזטו שוין שייך צו תרומה, דאָס הייסט צו די אַלע מצוות פון דער תורה. רש"י זאָגט „י"ג דברים כולם הוצרכו למלאכת המשכן", די דרייצעהן יאָהר זיינען געווען נויטיג צו גרייטען דיך צו ווערען אַ גוטער און קלוגער מענש. זעה מיין קינד! עס לוינט זיך צו לערנען די הייליגע תורה, זעה וויפיעל חכמה עס איז דאָ בלויז אין דער איינער סדרה. די תורה זאָגט אַז דער ארון פון משכן איז געוועזען אין דער מאָס ניט פון גאַנצע איילען נאָר פון האַלבע. דאָס לערענט אונז, מיין קינד, אַז דער געלערנטער מענש איז בלויז האַלב, און דער בעל הבית דאַרף זיין צו איהם באַהעפט, וועט עס ווערען אַ גאַנצע זאַך, אַ וויכטיגע. דערפאַר זאָגט די תורה ביים ארון „ועשו ארון", אַ לשון רבים, אַלע זאָלען העלפען דער תורה.

דער עיקר, מיין קינד, לערען אַז די תורה זאָגט דאָ „ויקחו" האָטש די תורה האָט דאַך געדאַרפט זאָגען דאָ „ויתנו". נאָר די וועלט זאָגט בלע"ז „דורען דאָיע אַ ראַזומני בערע", דאָס מיינט, דער נאָר מיינט אַז ער גיט, אָבער דער קלוגער ווייס אַז ווען ער גיט צדקה נעמט ער דערמיט רייכטהום, דער ראַזומני ווייס אַז עס איז „בערע" . . .

אָט דאָס מיינט רש"י תרומה — הפרשה, שייד זיך אָפּ, מיין קינד, מיט דיינע קינדער־יאָהרען, ווער אַ מענש מיט אַ כאַראַקטער, מיט רחמנות. די תורה זאָגט אין דער סדרה משפטים ואנשי קדש תהיון לי, ובשר בשדה טרפה לא תאכלו לכלב תשליכון. ווארום זאָגט די תורה תשליכון און ניט תתנו לכלב? דער ענטפער איז פשוט: ווען אַ מענש וואַרפט אַוועק די הינטישע שטיק, אפילו ווען ער איז שוין אַן עלטערער, דאַן ווערט ער אויך אַ גוטער בר מצוה.

# תצוה — דרשה א

## אינסטאַליישאַן פון אַ רב

על שולי המעיל סביב והיה על אהרן לשרת ונשמע קולו בבאו אל הקדש לפני ד׳ ובצאתו ולא ימות.

מורי ורבותי! דער וואָרט „שולי" האָט אין אידיש גאָר איין אַנדער בעדייטונג אָבער דער געדאַנק פון וואָרט „שולי" איז דאָ זעהר פאַסענד אין אידיש.

די תורה האָט פאָראויסגעזעהן די יעצטיגע צייט. אַז מען נעמט אויף אַ רב אין אַ שוהל, איז ונשמע קולו. וויל מען איבער־הויפּט אַז ער זאָל זיין אַ משמיע קולו, אַ גרויסער רעדנער, ער זאָל קענען צוציהען איין עולם אין שוהל, דאָס הייסט ער זאָל זיין אַ קלינגענדיגער רב, אַ רב מיט גלעקלאַך. אָט דאָס מיינט „שולי" אין אַלע שוהלען, סביב; אַרום און אַרום דער גאַנצער מדינה און עס איז גאַנץ ריכטיג אויך. נאָר די צרה באַשטעהט אין דעם וואָס ווען מען נעמט דעם רב אויף, פּויקט מען און מען קלינגט אין אַלע צייטונגען, בבאו אל הקדש לשרת, איז ונשמע קולו. ער דאַרף זיין אָבער אַ מוצלח, אַז ובצאתו, ער זאָל קענען אַרויסקומען אַמאָהל פון דאָרטען אַ לעבעדיגער, ולא ימות, זיי זאָלען איהם חאַטש ניט דערקירצען זיינע יאָהרען.

אַ שמייכעל צייגט זיך אויף מיר ווען איך דערמאָן זיך אַן פאָלגענדען עפּיזאָד:

אין אַ געוויסער קאָנגרעגיישאָן האָט דער פּרעזידענט גע־זאָגט צום שמש: היינט וועט זיין אַ גרויסער עולם אין שוהל צוליעב דער בר מצוה, טאָ נעמט אַרוים די גרויסע ספר תורה, ווייל מען דאַרף געבען אַ סך עליות. יעצט רבותי קענט איהר זיך שוין פאָרשטעלען די לאַגע פון דעם רב. זיין לאַגע איז ווי ר׳ עקיבא האָט דערצעהלט, „ואנשכנו", אזוי ווי אין מאָקאָווע —ר״ת מחלקת קרח וכל עדתו. אין אַ סך קאָנגרעגיישאָנס איז

דער רב אויך מלמד, ר״ת מעהר לערנען, מעהר דלות.

רבותי! מיר זאגען אין דאוונענען: „הודו לד׳ קראו בשמו, הודיעו בעמים עלילותיו״. דער פשט איז אזוי: ווען מען רופט א אידען אין שוהל צום דאוונען, פרעגט ער ניט ווער איז דאס דער „גאט״ צו וועלכען מען דאוונט, און וואס אזעלכעס האט דער גאט אויפגעטהאן. אבער א גוי וועט געווים פרעגען, דארף מען דאך איהם ערקלעהרען, ד״ה הודיעו בעמים עלילותיו.

דא, ביי דער געלעגענהייט, ווייסט איהר דאך אליין רבותי וואס פאר א גרויסען ת״ח און בעל מדות טובות איהר האט אויסגעקליבען אלס אייער רב. איך דארף איהם ניט ריהמען.

נאר זעהט רבותי, טהוט ניט ווי יענער ישוב׳ניק האט גע־טהאן. ער האט גענומען איין אורח אויף שבת, האט ער איהם געזעצט אויבענאן, אבער קיין עסען האט ער איהם ניט געגעבען ווייל ער האט געטייטשט, הרחמן הוא יפרנסנו בכבוד, אז א בעל רחמנות גיט אפ יענעם כבוד, ער שפייזט איהם מיט כבוד. זעהט רבותי, אז ולא ימות, ער זאל ניט שטארבען פון הונגער אדער פון עגמת נפש. עס זאל ניט זיין ווי מען טייטשט — „בקרבתם לפני ד׳״ אז וואס נעהענטער מען איז צו גאט איז „וימתו״. אדער ווי איין ע״ה האט געבענשט א ת״ח. רבי! זאל אויף אייך מקוים ווערען דער פסוק, צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם. זעהט רבותי! להעלות נר, צו אויפהויבען און אויפהאל־טען דעם נר תורה. אז איהר וועט אויפהאלטען דעם נר תורה וועט גאט טהאן מדה כנגד מדה. די נשמה פון א מענשען איז דאך א נר, נר א׳ נשמת אדם. האלט אויף די ליכט פון גאט, די תורה, וועט גאט האלטען אייער ליכט אין אייך, אייער נשמה. די תורה מיט די ת״ח ווערען אלעמאהל געגליכען צו ליכט, און צו אויגען וואס זעהען. במד׳ שה״ש „הנך יפה רעיתי עיניך יונים״. עיניך אלו סנהדרין, יונים אלו ישראל.

די גמ׳ אין תענית זאגט: „כלה שעיניה יפות אין כל גופה

צריכה בדיקה". און אז איהר רבותי האָט אויפגענומען אזא וויכטיגען רב, אַזוינע ליכטיגע אויגען, איז אַ סימן מובהק אַז איהר זייט אַלע זעהר גוטע אידען. יהי רצון עס זאָל מקוים ווערען „ודורשי ד' לא יחסרו כל טוב".

אויפ'ן פסוק „אם בחקתי תלכו" זאָגט רש"י שתהיו עמלים בתורה. וואָס מיינט דאָ רש"י? גאַנץ פשוט! דער ע"ה ווייס ניט ווי צו זיין אַ גוטער עהרליכער איד — ולא ע"ה חסיד. בכדי צו געהן אין גאָט'ס וועגען „בחקתי", דאַרף מען פריהער גוט לערנען. און דער רב וועט אייך לערנען.

## תשא — דרשה א

## אַן אַפּיעל פאַר צדקה

„העשיר לא ירבה, והדל לא ימעיט", דער רייכער זאָל ניט דענקען אַז דורך דעם וואָס ער איז אַ קאַרגער און גיט ניט קיין צדקה וועט ער ווערען רייכער, „לא ירבה", ניט דורך דעם קען ער מעהרען זיין געלט. אדרבה, די גמ' זאָגט אין כתובות אַז „מלח ממון חסר". דאָס הייסט, פיש אָדער פלייש קען מען איינ־זאַלצען עס זאָל ניט ווערען קאַליע, אָבער ווער האָט דען געהערט אַז געלט זאָל מען קענען איינזאַלצען.

מיר האָבען דאָ אַ סטריט וואָס רופט זיך „וואָהל סטריט". ווייסט איהר וואָרום זי רופט זיך וואָהל? ווייל דאָרטען שערט מען אָפּ די וואָהל פון די שעפּסען וואָס יאָגען זיך און האָבען ליעב געלד. אפילו די קאַרגע וואָס האָבען קיינמאָהל ניט געריי־זיקירט מיט זייער געלד דאָרטען אין וואָהל סטריט, זיינען דאָך אויך געוואָרען אָרימעלייט דורך וואָהל סטריט ווען די בענק האָבען באַנקראָטירט און די הייזער האָט מען ביי זיי צוגענומען.

און אויב נישט וואָהל סטריט איז דאָ ביי גאָט אַנדערע שלוחים. נעמט אַ ביישפּיעל פון די רייכע מענשען אין יוראָפּ

וואס זיינען יעצט בעטלער. „העשיר לא ירבה", ניט דורך קארגען פון צדקה קען מען אנקלייבען געלד. „והדל לא ימעיט" און דער ארימאן זאל ניט דענקען אז דורך דעם וואס ער וועט געבען וועט ער חו"ש ווערען ארימער.

עס איז דא א פסוק אין תה' פ"ה „אמת מארץ תצמח". וואס מיינט עס? גאנץ פשוט: אזוי ווי די ערד באצאהלט אין א גרעסערע מאס ווען מען זעהעט איין אין איהר, זי לייקענט ניט אפ, נאר באצאהלט מיט איין אמת, אזוי איז דער וואס גיט צדקה. דערפאר זאגט דער פסוק „זרעו לכם לצדקה". וקצרו לפי חסד, וועסטו געבען צדקה וועסטו האבען.

גאט האט געגעבען צו מרע"ה די תורה במתנה. „ויתן אל משה ככלתו". רש"י זאגט, שנמסרה לו תורה במתנה ככלה לחתן, שלא היה יכל ללמוד כולה בזמן מועט כזה. מיר מענשען קענען געבען דעם נויטבאדערפטיגען געלד-שטיצע, אבער קיין קאפ אויף די פלייצעס קען מען יענעם ניט שענקען.

עס האט אמאהל אין א קאלטען ווינטער ארומגעוואנדערט אן ארימאן נאקעט און בארוועס. האבען די גבאי צדקה אויפ-געקליבען א פאר דאלאר און געגעבען דעם ארימאן ער זאל זיך קויפען ווארימע קליידער און שיך. ווי ערשטוינט זיינען די גבאים געווארען אז אין א מאנאט שפעטער האבען זיי איהם געטראפען אין די זעלביגע פאר צוריסענע שמאטעס, פארפרוי-רען פון קעלט. סטייטש! וואו איז די געלד? שרעקט זיך ניט, האט דער ארימאן געזאגט, איך היט אפ די געלד. אט איז עס איינגענעהט ביי מיר אין העמד.

זעהט רבותי, זייט ניט ווי יענער ארימאן.

עס מאכט מיך צום שמייכלען ווען איך שרייב פאלגענדען עפיזאד:

א רייכער מאן איז געווען שולדיג געלד צו א מענשען און ניט געוואלט באצאהלען. האט ער געפרעגט א ישיבה בחור

אַן עצה וואָס ער זאָל טענה'ן ווען יענער וועט איהם רופען צו א דין תורה. האָט דער ישיבה בחור'ל דאָך געוואָלט אַז דער אָרימאַן זאָל קריגען זיין געלד צוריק, זאָגט דער ישיבה בחור'ל: טענה'ט „אין לי", דאָס איז די בעסטע טענה. ווען דער רב האָט געהערט פון דעם קאַרגען גביר אַזאַ טענה, זאָגט דער רב: די טענה איז אַ גוטע, נאָר מען קען אַנדערש ניט פסק'ענען ביז דו וועסט ניט איינלייגען די געלד. דער גביר האָט באַלד איינ־געלייגט די געלד און דער אָרימאַן האָט עס באַקומען.

זעהט רבותי! טענה'ט ניט ווי יענער גביר, ווארום איהר וועט באַצאָהלען.

איינער פון די חז"ל האָט אַמאָהל געפרעגט די תלמידים: ווען איינער האָט טויזענט גולדען און ער האָט פון זיי צוטיילט 300 אויף צדקה, וויפיעל איז איהם געבליבען?

דער בעסטער תלמיד האָט געענטפערט: 300! ווייל יענע 700 ווייס ער ניט צו זיי וועלען ביי איהם זיין אַלעמאָהל, אָבער מיט די 300 איז ער זיכער אַז עס איז שוין זיינס וד"ל.

איך האָב אַמאָהל געדרש'נט און געזאָגט אַז די אותיות „מת" זיינען ווייט איינע פון די אַנדערע אין דעם וואָרט „מחצית", און זיינען ווייט פון דעם אות „צ", וועלכער מיינט צדקה. האָט איינער געפרעגט: רבי, פאַרוואָס קומען ניט די מתים פון יענער וועלט אונז דערצעהלען וועגען די אַלע זאַכען? האָט איך איהם געענטפערט: נאָך וואָס זאָלען די מתים לייגען אומזיסטע הוצאות צו קומען אַהער. זיי ווייסען אַז מיר וועלען קומען צו זיי. אָבער אַז מיר וועלען טהאָן צדקה וועלען מיר זיין ווייט פון זיי פאַר אַ לאַנגע צייט.

# ויקהל — דרשה א

## צדק ילין בה — די צדקה לעגט מען אפ אויף מארגען

ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי יהיה לכם קדש וכו׳. זה הדבר אשר צוה ד׳ לאמר קחו מאתכם תרומה לד׳ כל נדיב לב.

רבותי! גלייך נאך דעם ווי די תורה זאגט אונז אן אז מיר זאלען היטען שבת, זאגט באלד די תורה, דאס איז די זאך וואס גאט האט פארזאגט. נעמט פון אייך תרומה צו גאט, יעדער גוט-הערציגער מענש. ווייזט אוים אז דער מאראל וואס איז דא אין שבת האט צו טהאן מיט תרומה און גוט-הערציגקייט.

לאמיר אויך פארשטעהן ווארום זאגט די תורה „מאתכם״, פון אייך. געוועהנליך איז עס דאך פון זיי. פון וועמען דען? זיי וועלען דאך חו״ש ניט געהן גנב׳ענען און געבען. דער ווארט „מאתכם״ קוקט דאך אוים איבעריג.

דער ענטפער איז פשוט: די תורה זאגט אז דער מענש גיט קיינמאהל ניט זיינס, די גאלד און זילבער און אלעס איז גאטס. ווען גאט גיט איהם ניט, האט ער ניט וואס צו געבען. נאר וואס-זשע גיט ער יא? ער גיט זיין נדבנות, זיין גוט הארץ, זיין רצון צו געבען. אט דאס זאגט די תורה „קחו מאתכם כל נדיב לב״, גיט אייער גוט הארץ.

יעצט לאמיר זעהען וואס פאר א שיכות האט עס מיט׳ן שבת. רבותי! שבת איז מדחה תשעה באב און אלע תעניתים וועלכע זיינען מדרבנן. אבער פארקעהרט, א יו״ט נעמט דער שבת אויף מיט כבוד און גיט איהם אוועק די ש״ע. אזוי, רבותי, זיינען דא מענשען וואס ווען זיי דארפען געבען צדקה איז ביי זיי תשעה באב. זיי וואלטען ליבער פאסטען ווי געבען צדקה. און דערפאר לייגען זיי אפ דעם געבען. די תורה לערענט אונז דא אז צדקה געבען דארף זיין א יו״ט, מען דארף עס אויפ-

נעהמען מיט כבוד, און ניט מדחה זיין.

און אזוי ווי שבת איז דאך דער מקור הברכה, אזוי איז אויך צדקה, אזוי ווי א קוואל וואס מען שעפט מעהר אפ, אלץ פרישערע און קלאהרערע וואסער קומט אן, אזוי אויך וואס מעהר מען גיט, אלץ מעהר האט מען — דאס מיינט „מקור הברכה". אט דערפאר זאגט די תורה תומי' נאכ'ן ביום השביעי יהיה לכם קדש. קחו מאתכם תרומה, און די ווערטער „זה הדבר" פאסען זיך יעצט זעהר דא צו.

דעריבער זאגט די תורה „תעשה", ווייל אויב דו וועסט אזוי טהאן וועט דיין ארבייט געטהאן ווערען אזוי ווי פון זיך אליין. סיעתא דשמיא.

עס מאכט מיך צום שמייכלען ווען איך דערמאן זיך אן פאלגענדען עפיזאד: א רייכער אלטער מאן זאגט צו א יונגע מיידעל: דו וואלסט געדארפט זיין מיין פרוי, ווייל נאך מיין טויט וועסטו ירש'ענען מיין געלט, וועסטו זיין א רייכע אלמנה. איך וואלט אייך געפאלגט, זאגט די יונגע מיידעל, ווען איך וויים אז דאס וועט געשעהן באלד.

זעהט איהר רבותי, אז איהר וועט טהאן צדקה, וועט איהר געראטעוועט ווערען פון אשה רע, מר ממות, ווייל צדקה איז דאך תציל ממות.

---

## פקודי — דרשה א

# להחזקת תורה

אלה פקודי המשכן משכן העדת.

ווארום זאגט דא די תורה צוויי מאהל המשכן משכן?

רבותי! מען קען זאגען זעהר פיעל ענטפערס אויף דעם. דער ערשטער ענטפער איז: דא האט די תורה געגעבען א וואונק אז דער ביהמ"ק וועט חרוב ווערען צוויי מאהל, ד. ת.

ער וועט פאַרמשכון׳ט ווערען אין צוויי גלות׳ן, בבל און אדום. אידען וועלען נעבאך ליידען פון גזירות רעות ר״ל. מען וועט זיי ניט לאָזען דינען גאָט, אָפּהיטען אידישקייט, וכו׳.

אָט דאָ ניט לאַנג צוריק איז ביי מיר געוועזען אַ איד פון יענע לענדער, ער האָט מיר געציינגט קבלות אויף שחיטה. האָב איך אים געשיקט מיט אַ רעקאָמענדאַציע אין אַ פּראָווינץ שטאָט און האָב געשריבען צו דעם יו״ר: דער איד איז אַ גוטער שוחט, ווייל ער קומט פון שחיטה לאַנד.

רבותי! דאָ ביי אונז אין דעם ליבען לאַנד זיינען אויך די שוהלען פאַרמשכון׳ט „משכן משכון״ — פאַרמאַרטגעדזש מיט אַ „טויט״ (טוירד) מאַרטגעדזש.

די תורה זאָגט ווייטער „באחד לחדש הוקם המשכן״. דער מדרש זאָגט אויף דעם „ואל תאמר משה העמידו אלא נעשה בו נסים ועמד מעצמו״. קיינער האָט דעם משכן ניט געקענט צוזאַמענשטעלען, בלויז פון זיך אליין איז ער אויפגעשטעלט געוואָרען.

איז דאָך אַ גרויסע קשיה. וויבאַלד אַז די מענשליכע חכמה מיט זייער גאַנצער האַרעוואַניע האָט דאָ ניט געהאָלפען, טאָ צו וואָס האָט דאָס גאָט געדאַרפט מאַכען זיי אַזוי שווער צו אַרבייטען?

נאָר מיר וועלען עס פאַרשטעהן דורך דעם פסוק פון משפטים „ורפא ירפא״. די גמ׳ אין ב״ק זאָגט אויף דעם דאָ־פּעלטען וואָרט „רפא ירפא״, מכאן שנתנה רשות לרופא לרפאות. די גמ׳ זאָגט ניט „שנתנה רשות לחולה להתרפאות״. איהר ווייסט וואָרום? ווייל דער חולה דאַרף האָבען בטחון אין גאָט און ניט אין דאָקטאָר, ר״ל. אָבער דאָך, אַ דאָקטאָר דאַרף ער נעהמען, ווייל אַ מענש טאָר ניט זיצען לעדיג, נאָר ער דאַרף טהאָן, צו ערגעהרען זיך און צו אָפּהיטען זיין געזונד, ווייל די תורה זאָגט יברכך ד׳ א־ל־קיך בכל אשר תעשה. די תורה זאָגט אויך ששת ימים תעבד. דאָס איז אַ גזירה פון גאָט אַז בזעת אפיך תאכל לחם, און חאָטש מיר זעהען דאָך אין פּראַקטיקע אַז עס

העלפט ניט אמאהל די גרויסע הארעוואניע און דער שוויים פון פנים, און אזוי זאגט די גמ' אין מגילה: יגעתי ומצאתי תאמין ה"מ בד"ת. דאך דארף דער מענש אלעם טרייען און טהאן, און גאט שפייזט איהם שוין אויף זיין וועג. ניט מחמת ער האט עס מיט זיין כח אדער חכמה אויפגעטאהן. דערפאר זאגט די תורה הוקם המשכן, פון זיך אליין.

אז מען לערענט אפ א מסכת רופט מען עס סיום, ווייל די אותיות פון **סיום** זיינען: דער **סמך** אזויפיעל אין גימ"ט וויפיעל די אותיות הנסתרים: **מך**—60, און אזוי **מ** (מעם)—40, און אזוי דער **ו** (ו-ו)—6. ד. ה. נגלה ווי נסתר, צו לערנען אונז אז די וואס העלפען דער תורה זיינען גלייך ווי די וואס מען זעהט זיי לערנען. אט דאס זאגט די תורה: אלה פקודי. מיט דעם אלה האבען מיר געזינדיגט. מיר האבען געזאגט אלה אלהיך אויפ'ן עגל. דארפען מיר יעצט געבען גאלד אויף תורה, אויפ'ן משכן, וועט דאס זיין איין עדות אז מיר האבען תשובה געטהאן. באלה כעסנוך ובאלה פיסנוך!

דאס דערמאהנט מיך אן דעם רבי'ן וואס ער דינגט זיך מיט'ן פארמער פאר א וואגען האלץ. ער גיט צוויי דאלער און דער פארמער בעט דריי. זאגט דער פארמער: פאפראוווטיע ראבין! איז דער רבי גלייך געלאפען אין שוהל אריין תשובה טהאן. „פאפראוווטע" בלע"ז מיינט אז מען דארף זיך מתקן זיין.

---

## פקודי — דרשה ב

## זיי גלייכען א האלבע דרשה

ותכל כל עבדת משכן אהל מועד ויעשו בני ישראל ככל אשר צוה ד' את משה כן עשו!

אין המקרא הזה אומר אלא דרשני. פריהער זאגט די תורה „ותכל", עס האט זיך געענדיגט די גאנצע ארבייט, און נאכדעם זאגט דער פסוק ערשט „ויעשו". וואלט דאך דער פסוק גע-

דארפט זאגען פריהער ויעשו, און דערנאך ותכל, און ווארום דארף ער זאגען דאפעלטע ווערטער „כן עשו" אז ער זאגט דאך שוין „ויעשו".

רבותי! דער ווארט ותכל איז בגימ"ט תנו, און דער ווארט כל איז בגימ"ט נ. דאס הייסט, מען האט צו זיי געזאגט **תנו** און זיי האבען מקיים געוועזען **נתנו**. „ותכל כל" בגימ"ט נתנו.

די וועלט דערצעהלט אן אלטע לעגענדע: צוויי חברים רבנים האבען זיך באגעגענט. איינער האט געפרעגט דעם צוויי־טען, ווי ווירקען עפעס דיינע דרשות אויפ'ן עולם? האט יענער געענטפערט מחצית על מחצית, האלב פון מיין דרשה האט געווירקט. סטייטש, וועלכע האלב? גאנץ פשוט, האט ער גע־ענטפערט, איך האב אפעלירט צום עולם וועגען מצות צו די ארימע אויף פסח. איז די ארימע לייט האב איך שוין, נאר די געבערס האב איך נאך ניט.

רבותי! פון מיין עקספיריענס ווייס איך אז ווען איך זאג א דרשה אנגעפיקעוועט מיט מאמרי „קאזאל" (בלע"ז) געפעלט עס זעהר דעם עולם. אבער די צווייטע העלפט פון דער דרשה, דעם ונתנו, דאס געפעלט זיי ניט. ווי עס קומט צו דעם ונתנו איז „ולא יהיה בהם נגף", שטויסט מען זיך ניט אויף צו געבען. אזוי ווי איך רייד ארוים דעם „זה יתנו" איז „כל העובר", געהען זיי פארביי און אוועק.

אט דערפאר זאגט דא די תורה „ותכל כל" גימ"ט „נתנו", ממילא איז ויעשו, איז געוועזען מיט וואס צו בויען דעם משכן.

וואו האבען זיי גענומען אזויפיעל געלד? הבא לטהר מסעיין אותו, כן עשו.

ביי אברהם אבינו איז אויך אזוי געוועזען. די מלאכים האבען איהם געזאגט כן תעשה, איז ער געזונד געווארען און האט זיי געקענט באדינען.

**חזק חזק ונתחזק**

אז מען שטארקט זיך צו טהאן גוטעס

העלפט גאט און מען קען טהאן!

# דרשה לשבת הגדול

(בא) ומושב בני יש' אשר ישבו במצרים שלשים שנה וארבע מאות שנה.

די תורה זאָגט דאָ אַז אידען זיינען געווען אין גלות מצרים 430 יאָהר.

רבותי! איך פרעג דאָ ביי אייך זעהר אַ גרויסע קשיה: סטייטש! גאָט האָט דאָך געזאָגט צו א"א אַז זיי וועלען זיין אין יענעם גלות בלויז 400 יאָהר. ווייסט איהר, רבותי, ווארום זיי זיינען געווען אין יענעם גלות 430 יאָהר? און איבערהויפּט וואָרום זיינען זיי אינגאַנצען געווען אין גלות?

דער ענטפער צו דעם איז בלויז איין וואָרט: „**נפש**". די תורה זאָגט: „ויהי כל **נפש** יצאי ירך יעקב שבעים נפש." דער וואָרט „נפש" איז בגימ"ט 430. אידען האָבען געדאַרפט דורכמאַכען דעם גלות כדי צו אויסלערנען זיך און פארשטעהן דעם נפש פון דעם עלענדען און געפּלאָגטען. די גמ' זאָגט אין ברכות דף ה': נאמר ברית במלח ונאמר ברית ביסורים, מה מלח וכו', אף יסורים ממרקין עוונותיו של אדם. (דער אַלטער שפּריך-וואָרט: „דער זאַטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען).

אום צו פיהלען דעם קראַנקען און ליידענדען מוז מען עס אַליין פריהער דורכמאַכען ר"ל.

אָבער דענקט ניט רבותי, אַז ווען אידיש בלוט גיסט זיך **ווי טייכען וואַסער, איז עס חו"ש ווייל גאָט וויל אונז חלילה** אומברייינגען? ניין! אודאי ניט. די תורה זאָגט אין דער סדרה עקב, „וידעת עם לבבך כי כאשר ייסר איש את בנו ד' א-ל-קיך מיסרך". גאָט שטראָפט אונז ווי אַ פאָטער זיין קינד.

דערפאַר לייענען מיר פסח אין שה"ש: אחות לנו קטנה ושדים אין לה". שדים — **ש**מאל **ד**חה **י**מין **מ**קרבת. ד"ת מיר

זאָגען: רבש"ע עס איז טאַקע אמת אַז תינוק ואשה" דאַרף זיין שמאל דחה, אָבער עס דאַרף דאָך אויך זיין ימין מקרבת! טאָ פאַרוואָס ביזטו אונז ניט מקרב? „שדים אין לה".

אייגענטליך ווארום זאָגען מיר אין דער הגדה: „עכשיו קרבנו המקום לעבודתו". עכשיו איז דאָך דער טייטש יעצט. סטייטש, מיר זיינען דאָך אידען שוין טויזענטער יאָהרען און ניט פון יעצט. דער ענטפער איז פשוט. מיר זאָגען רבש"ע! יעצטיגע דורות זיינען ווי נח'ס צייטען, וואָס רש"י זאָגט אויף איהם „היה צריך סעד: עכשיו קרבנו, זעה גאָטעניו! זיי אונז מקרב! אַז ניט חו"ש וועט זיין הרם קרן ישראל, וועסטו חלילה ניט אַרויסקריגען פון דעם יעצטיגען בע"ח, דעם גלות, דעם קרן אפילו.

מיר לעבען אין אַ שרעקליכען גלות! „וימררו את חייהם". עס זיינען דאָ אַזוינע מענשען וואָס פון אונזער ביטערניש מאַכען זיי אַ לעבען, זיי קלייבען פאַר די אומגליקליכע אין יוראָפּ, און זיי לעבען דאָ אויף דעם חשבון אין גרויס לוקסוס.

רבש"ע! עד מתי? ווי לאַנג וועט נאָך געדויערען אָט דער ביטערער גלות? דער נביא האָט געזאָגט: נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל (עמוס ה'). אָט אין דעם פסוק, מיינע פריינדע, איז ענטפלעקט די גאולה. „לא תוסיף קום". קיין מענש וועט ניט אויפשטעלען דאָס אידישע פאָלק נאָר גאָט אַליין! „הרחמן הוא יקים לנו את סכת דוד הנפלת" „ובניסן עתידין להגאל בב"א".

די קשיה ווי אַזוי אידען זיינען געווען 430 יאָהר אין מצרים איז יעצט געענטפערט, ווייל פון דעם „ידוע תדע כי גר יהיה זרעך" ביז דער „גאולת מצרים" איז געווען 430 יאָהר. גימ"ט נ פ ש!

# שנת תש״א

„כי תשא את ראש בני ישראל ונתנו״. אז מען וויל וויסען וועלכער איד איז פון אַ הויכע מדרגה — תשא, לשון נשיאות, ווייסט מען פון דעם „ונתנו״, ווער עס גיט אויף תורה און חכמה. אַט די אידען האָבען געגעבען והשי״ת יברכם.

## דאַון טאַון

ר׳ אהרן שטרייט
די כשר׳ע און געשמאַקע מצות

ר׳ יוסף הוירש, כשר׳ע וויין
שומר שבת — כשר׳ע וויין
303 E. Houston St.

ר׳ משה האנס
מענער קליידער און שעטנז
305 E. Houston St.

S. H. Laufer, Optometrist
88 Rivington St.

Shapiro Kosher Wines
126 Rivington St.

Dentists
78 Rivington St.

Schwartz Silverware
85 Rivington St.

פריקלעס מוכר ספרים
97 ריווינגטאָן סט.

רוסישע און טערקישע טאַבאַק
Russian & Turkish Tobacco
D. Givotoff
29 Essex Street

מר. קאפלאָוויץ, שומר שבת
רוסישע און טערקישע טאַבאַק
21 Essex St., N. Y.

כשר׳ע און געשמאַקע
מילכיגע עסענס
I. & D. Dairy Lunch
11 Essex St., N. Y. C.

חזן מירסקי׳ס חופה זאַל
210 E. Broadway, N. Y.

ר׳ משה בן מאיר יעקב דשייקאָב
ר׳ דוב בן גרשון בוקאָפסקי
ר׳ צבי בן ארי׳ ליפשיץ
ר׳ משה יעקב קאָהען
ר׳ יצחק אייזיק שטיינבערג
ר׳ יעקב שטעכער
ר׳ יצחק שפרינגער
ר׳ צבי טישלער
ר׳ מאיר צאַטענבערג
ר׳ מרדכי גאָרעליק
ר׳ יוחנן אייזענמייער
ר׳ יוסף הלוי זאַראַוויץ
ניו ראשעל, נ. י.

## ברוקלין

דער באַוואוסטער פילאַנטראָפּ
פון דער בעקערי
Berke Cake Co., Inc.
57-77 Knickerbocker Ave.
Quality Bakers since 1894

ר׳ משה גאָלדשטיין, בשר כשר
87 Gerry St., Brooklyn

Dr. Max Levy, Dentist
252 So. 9th St., Brooklyn

חזן קלמנאָוויטש
32 Hart St., Brooklyn

ר׳ אברהם דוב גינגאָלד
ר׳ זרח ליב ב״ר שמעון
ר׳ זאב דוב קושנער
ר׳ שמואל מילער
ר׳ יחיאל מיכל איידעלבערג
ר׳ יעקב הלוי גאָלדשטיין
ר׳ יעקב הלוי פינק
ראַביי מאָריס מ. ראָוז טעמפּל סיני

יעקב דאר
רעוו. דוד לעווין
ר' נחמן ב"ר יהושע פינסקער
ר' ח' יעקב אליעזר טהאמפסאן
ר' אלימלך סמיטה
ר' צבי דוב זלאטעגאר
ר' ישראל הארן
ר' יצחק אייזיק גינזבורג
ר' מיכאל דאלגין
ר' אליהו מלך אייבעל
ר' דוב טאבאק
ר' בעריל עלקין
ר' יששכר סטאלער
ר' אהרן חיים האבער
ר' נתן נטע אייבראמס
ר' בן־ציון לאנדא
ר' ברוך אב' ליפשיץ
ר' יהודה ארי' מאנדעל
ר' ישראל שאול זיטמאן
ר' צבי פינק
ר' ישראל בן יהודה פאסטעל
ר' חיים האכהייזער

Sol Phillips' Poultry
Amster, Tailor
33 Patchen Ave.

פייגע גרינוואלד
חי' בת ר' דוב לערמאן
שרה וויינראטה
עטעל בת נתן נטע ראָזען
ביילא חן אשת הרב ר' מ' צבי
מרים בת לוי יצחק רייכלין
בתי' גיטל בת ר' ש' צבי
רחל בת ש"ז דומאז
רחל בת אהרן ווערנאן
מרס. קאָהען
מרס. עלמאוויטש

## קאָראָנאַ, לאָנג איילאַנד

ר' יהושע הירשהאָרן, בשר כשר
ר' אייזיק בעכער
ר' אהרן הלוי עהרליך

## בראָנזוויל

ר' יהושע גערסאָף
שומרי שבת גראָסערי
ר' סילווערשטיין, בשר כשר
ר' יהודה קאהר, בשר כשר
ר' יעקב יוסף קרוטע, בשר כשר

Sunset Kosher Wine
97 Chester St., Brooklyn

Dr. V. Brecher, Optom.
712 Sutter Ave., B'klyn

ד"ר ברעכער איז א ספעשעליסט ער האָט נייע ערפינדונגען צו־צופאסען די ריכטיגע אויגען גלעזער. שבת געשלאָסען.

חזן ר' מ' דוב זעלצער
חזן ר' שלמה סוכאוולסקי
חזן ר' יהודה ז' האָראָוויץ
1861 Prospect Pl., B'klyn

החזן המפורסם ר' יוסף ארנעסט
מביה"כ קול ישראל
592 Howard Ave., B'klyn

החזן ר' שמואל סיידעלמאַן
Wedding Salon
768 Saratoga Ave., B'klyn

רעוו. שאול פאָגעל
רעוו. זלמן גאָלדבערג
1837 Sterling Pl., B'klyn

רעוו. יונה וז' צפרה בעקערמאַן
הרב יעקב ר' שווארץ
1010 President St., B'klyn

רעוו. איזידאָר ניוהאוז
338 Prospect P., B'klyn

ר' יעקב שלמה שעכטער
ר' אלעזר בערמאן
ר' ברוך גלאסס
ר' אהרן נהר
ר' יוסף שווארצבערג
ר' מרדכי הלוי בורמאן
ר' שמואל שקראב, גבאי

ר׳ יהושע חיים וויינשטיין
ר׳ ליב לאגין
ר׳ יהושע הכהן נעלסאן
ר׳ שמחה הכהן קאפלאן
ר׳ שלמה דרוקער
ר׳ דוד צבי קרופניק
ר׳ יצחק קיוועלעוויטש
ר׳ זוסיע דייוויס
ר׳ ביינוש ווינער
ר׳ פינחס סאלאטאף
ר׳ אברהם זעליג מאטיס
ר׳ מרדכי עפסיל
ובנו ראובן אליהו
ר׳ חנוך העניך מילער
ר׳ עוזר שאצאוו
ר׳ נתנאל בר׳ יהודה ווינער
חאשע בת דוב צ׳ סלאבאדקין

## איסט ניו יארק

Counselor Gitenstein

ר׳ משה מ׳ זופניק, בשר כשר
ר׳ ישראל נייפעלד
ר׳ צבי רובין ממינסק
רעוו. אלימלך דענבורג
רעוו. צבי ארי׳ סוכמאן
רבי זוסיא בלאט ורעיתו
ר׳ שלמה שווארץ ורעיתו
מטות רייך וכב״ב
ר׳ מאיר מירסקי ורעיתו
הבחור יחיאל שטיינמעץ
ר׳ שרגא קליגערמאן פר׳
ר׳ פינחס ראזענפעלד
ר׳ אהרן הלוי לעווין
ר׳ אהרן ליב קורלאנד
ר׳ אברהם ברעסלער
ר׳ זלמן ב״ר יצחק קאהן
ר׳ אברהם זאב הלוי פראהם
ר׳ רפאל עסטעראוו
ר׳ שמשון הלוי טישלער
ר׳ אברהם ארי׳ הלוי ליוויי
ר׳ יעקב גאלדמאן
ר׳ משה פיינשטיין

חנה רבקה אשכנזי
אסתר רבקה קושעלעוויץ
רבקה דוואשע סאלאמאן

## בארא פארק

Zion
Vegeterian Restaurant
5001 New Utrecht Ave.

Miller Plastering Co.
1285 — 52nd St., B'klyn

ר׳ אברהם גאלד, בשר כשר
אברהם דוד סאמביר, בשר כשר
גרשון טאובער, בשר כשר
5120 — 12th Ave.

ר׳ ראובן ראבינסאן, בשר כשר
1305 — 43rd St., B'klyn

ר׳ נחמן גראסמאן, בשר כשר
דאנטא, בשר כשר
ר׳ משה מאיר פיינק, בשר כשר
ר׳ יהושע קארנבלאה, בשר כשר
ר׳ צבי מלמד, בשר כשר
ר׳ יהודה יעקב הלוי חאווקין
רעוו. ברוך יודאוויץ ורעיתו
ר׳ משה גערענשטיין
אלכסנדר ראפקין
מארים גאלדשטיין
חזן נח וויטי
ר׳ מאיר ראסמאן, גבאי
ר׳ יעקב זענעזיב
ר׳ ישראל בירנבוים
ר׳ משה דוב קאפאלן
ר׳ יעקב מאיר סטיינבערג
ר׳ חיים מרדכי אקסהארן
ר׳ ליב בר יחיאל מ׳ מארקוס
ר׳ אברהם באדליב
רחל לאה ווארטעלסקי

## וועסט סייד

Cantor David Roitman

חזן מאקס בראון
16 West Mt. Eden Ave.

חזן מאראטשניק

ראזען בשר כשר
42 LaSalle St., N. Y.

ר' יחיאל בערגער
ר' הלל הלוי ראפאפארט
ר' יעקב הלוי לעווין
ר' שמחה הוירשפעלד
ר' יעקב שערווין
ר' אהרן לאסט
ר' זעליג לעוויט
ר' אברהם אבא וואלעך
ר' מאיר שלמה גאטליב

## איסט בראנקס

דאקטאר יוסף הארקאווי
880 East 178th St.

ר' מאיר א' סטעיר, בשר כשר
ר' מאיר בערמאן, בשר כשר
ר' משה גילנער, בשר כשר
ר' משה געגס, בשר כשר
832 Jennings St., Bronx
פ. גליקער, שומר שבת בעקערי

מר. הערי שלעקער
קאמפאזיטאר און כאר דיריגענט

מר. יאזגער'ס בעקערי מכל טוב
1771 So. Blvd., Bronx

קאלינסקי'ס בעקערי
אינטערוויל עווע. קאר. 165 סט.

Clothing L. Rubinstein
579 E. Tremont Ave., B'x

ר' יצחק ארי' שטאפענבערג
Ace Coal Co., 603 E. 136

National Association
for the Jewish Blind
1492 Bryant Ave., Bronx
help in their noble work!

Samuel Abrams, Caterer
1438 Prospect Afe., B'x
תחת השגחת הרב בענענסאן

הנדיב איסר מאיר ביל וז' ביילע
ימלא ד' חסרונם

ר' בנימין פערלמאן
ר' שלמה ב"ר יוסף מילער
מר. און מרס. בלומקין
חיה לאה גאוועגדע
ר' קלמן דרעשער
ר' חיים בארער
ר' יהודה ל' ראפאפארט
ר' צבי ב"ר אורי בענדעט
ר' זלמן עסטרין
ר' דוד מילער
ר' משה סיראטע
ר' ברך האלפערן
ר' מנחם מ' קנאפלער
ר' אהרן ווירצער
ר' משה טייך
ר' ברוך ב"צ וואליעק
ר' מנשה בערקענפעלד
ר' ליב שער
ר' ארי' גרעלער
ר' יחיאל ווייס
ר' לויק אדלער
ר' אהרן דוב וועו
ר' זרח בן דוב גרייף
ר' שרגא פ' פרידבוים
מרדכי בן דוד הלוי געלבערט
ר' משה האבער
ר' שמואל דוד קאהען
ר' יצחק אייזיק קארל
הרב אברהם גרים
חזן אברהם עלשטיין
ר' יונה מילטאן
ר' אברהם ראבינאוויץ
ר' מרדכי קאופמאן
ר' יצחק בעלקינד
ר' יצחק געווירץ
ר' ד' יעקב ווילנער
ר' חיים ד' טשארטאן
ר' אליעזר גאלדבערג
ר' אפרים גאלדשטיין
ר' אברהם בר' משה הלוי וואלף

ר׳ ישעיה הייבעל
ר׳ ישראל פוקס
הרב ישראל נחום קווארט
ר׳ אשר ב״ר אביגדור גארבער
ר׳ חנא ברוך אונגאר
ר׳ יצחק צבי הכהן מענקים
ר׳ נפתלי הערץ ב״ר יצחק פיאנין
ר׳ שלמה זלמן ראזענבלאט
ר׳ יצחק פסח גאלדשטיין

ר׳ שמואל ב״ר ישראל פיאנין
ר׳ פסח אשר ב״ר מנחם ראאב
ר׳ ניסן סארקאוויטש
ר׳ יוסף משה בערמאן
ר׳ דניאל אייבראמסאן
ר׳ משה גיטעלסאן
ר׳ תנחום קאמעראס וועז נעסט
Joseph Eiss, Insurance
1910 Arthur Ave., Bronx

ב״ה

טייערע פריינדע און פאטראָנייזערס פון **תבת נח**:

יעצט, אז דער ספר **תבת נח**, חלק שני, איז געענדיגט, און איך בין ב״ה ארוים ניט באשעדיגט אין געזונט זאָג איך אז עס קומט דערפאר א גרויסען יישר כח צו דעם פאָבלישער מר. יעקב פאָסטאר נ״י.

דורך זיין געניטקייט און גרוים קענטעניש אין תנ״ך האָט ר׳ יעקב פאָסטאר געגעבען גרוים השגחה אז דער ספר זאל ארויסקומען אָן גרייזען אָדער אנדערע פעהלערען.

איך האָב אמאהל געפרעגט א אידען, פארוואס ער כראפעט ווען דער רב דרשונט שבת. האָט ער מיר געענטפערט אז ער איז מקיים דעם פסוק: „יעלזו חסידים בכבוד ירננו על משכבותם״. ד. ה. ער עסט זיך אָן מיט לעבער און כראפעט דארטען וואו ער זעצט זיך. אָבער ר׳ יעקב פאָסטאר שלאָפט ניט. ער פאסט אויף אויף יעדען וואָרט וואָס ווערט געדרוקט אין זיין דרוקעריי.

אויף דער ערשטער סדרה פון חומש שמות זיינען דאָ א סך דרשות, אָבער אויף די איבעריגע סדרות זיינען בלויז דאָ איינציגע דרשות. דער טעם דערפון איז ווייל עס קוקט אוים אז יעצט איז די צייט פון „אז ירננו כל עצי יער״! ווארום ווערלען די בוימער זינגען? ווייל מען וועט זיי ניט ברענען. אנשטאט בוימער וועט מען דאך חו״ש ברענען ספרים. דערפאר דרוק איך אין דעם ספר וויניגער דרשות, און זאל וויניגער ברענען. זיי וועלען עס ניט קענען פארברענען ווייל פייער קען מען ניט ברענען — הלא כה דברי כאש!

# לזכרון עולם

הרב יצחק ל' קאדושין, כ"ג אייר
ר' יצחק הלוי סלוצקין, כ"א טבת
ר' חיים צבי לעווין, י"א חשון
ר' פייוועל דענקנער, ג' חוהמ"ס
ר' ישעיה ב"ר מ' דובנייער, עיו"כ
ר' יהושע ליפשיץ, כ"ו שבט
צבי הוירש, ז' תשרי
ר' משה ברעכער, י' אלול
ר' דוב ארי' נאווינסאָן, ב' חנוכה
נח אקערמאַן, ח' סיון
ר' משה אשעראָף, ב' שבט
ר' שלמה אונגאר, ה' כסלו
ר' מאיר יחיאל דראגען, ערב פורים
ר' זאב ב"ר נתן נטע, ט' סיון
ר' יעקב ב"ר דוב, כ"ה מרחשון
ר' דוד ב"ר דוב, י"ב כסלו
אהרן, כ"ג מרחשון
ר' אליעזר משה ארקאָוו, י"ג שבט
ר' יעקב ח' טובי', א' אדר א'
ורעיתו נאַדעלבערג, ד' מנחם אב
ר' חיים צבי פארעצקי. שמחת תורה

ר' יצחק ב"ר משה אברהם נייעס
ידידיה טשאפער, י"ט אדר ב'
ר' אליהו נתן פאקולסקי, יב מנ' אב
ר' חיים בן יצחק, ט אלול
ר' ארי' בר' משה יהושע קאליש,
כ אדר
ר' פינחס בר' מרדכי סאמביל, יו"כ
ר' דוד יהודה הלוי פאפלאָווסקי,
כח אלול
ר' יוסף סיימאן, כב מנחם אב
ר' יוסף בן צבי ברודנא, יז שבט
שרה בת אברהם, יד מנחם אב
אברהם בן יוסף ברודנא, י טבת
ר' צבי אייזענמאַן, כ"ט מנ' אב
ר' פייווע שטיין, ד ניסן
ר' חיים בן בעריש, יז שבט
ר' משה מאיר בן אליעזר, ב אדר ב
ר' בנימין אליעזר בן מאיר אליהו
פעלער, יד אלול

Rabbi Gersh Gitenstein,
7 Nissan
Gussie Gitenstein, 8 Shevat

מלכה מאסטעל, כ"ב כסלו
שרה פריידע גאָלדסמיטה, ט' כסלו
רבקה קרישער, כ"ט ניסן
פרומע אסתר קאַטץ בת ר' זלמן,
ט' סיון
באשע בת ר' מרדכי, ו' אייר
חנה פ, ט"ז אדר ב
לאה אייבראמסאָן, כ ה תשרי
צפה, ב' כסלו
פריידעל בת ארי', ח' אדר א'
רבקה, כ"ד אלול
חיה קורץ בת ר' ישראל, ה' ניסן
מנוחה דבורה יערענבורג, י"ח סיון
רחל לאה בת ר' גבריאל הלוי

שיינדעל לויפמאן בת ר' דוד העניך
פריידקע בת ר' מאיר, יג סיון
רחל בת ר' אביגדור, כו אדר
מינא רבקה בת ר' אליעזר, ג ניסן
קריינדי בת ר' משה זאב, י מרחשון
ביילע ליפסאָן, טז תמוז
לאה אפפענהיים, כה אלול
סימע ביילע, ב מרחשון
שרה בת ר' אברהם, יד מנחם אב
הענע בת ר' חיים אליעזר בוקאפסקי
כח מנחם אב
קיילא בת גבריאל מארקעל, כו ניסן
פייגא גיטעל שפירא בת הג' בתריאל
אהרן, יד כסלו
Mollie Moore, N. J.
Sarah Miller, 8 Elul

## IN MEMORIAM

This is in memory of a noble soul, who was suddenly taken away from among the realm of the living — Mr. Nison Fisher, who died on the 20th day of Elul, 5699. His son, Mr. Charles Fisher, of 139 Delancey Street, N. Y. C., is so much lost in emotion at the very thought of the suffering and passing of his father that words fail him to express his sentiments in a manner which would pay a fitting tribute to his late father. Mr. Nison Fisher taught his children to walk in a righteous path, motivated by a spirit of self-sacrifice for the welfare and betterment of all the suffering. Therefore I exclaim, according to the Rabbis: "The righteous men are greater in their death than in their life!"

Mr. Nison Fisher, you are immortal! Your memory will always linger on! Pure soul!

---

## IN MEMORIAM

This is in memory of the dear parents of
David Bregman, whose dear father
JOSHUA, the son of Joseph Eli BREGMAN
passed away on the 2nd day of Succoth
And his beloved mother
SHEINA GOLDA
who passed away on the 17th day of Elul.

Words fail to express the deep sorrow of their son.

The author of this book offers his deepest sympathy to the bereaved son, whose parents were his best friends!

---

## IN MEMORY OF MRS. CELIA COHEN

the daughter of Mr. Zelig Peller, who died on
Rosh Chodesh Nison, 1941.
Her sons Mitchell, Isidor, Charles and her daughters
mourn her loss.

**May her noble soul rest in peace!**